STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05917

POEMEN UN LIDER FUN PAYN

Rivke Akerman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה אַקערמאַן

פּאָעמען און לידער פון פּיין

פּ אַ ר י ז
1 9 5 7

R. AKERMAN

Poèmes et Chants de la Douleur

LIBRARY
CANCELLED
SEP 25 1991
CANCELLED
AUG 15 1990

Copyright by R. Akerman, 5 rue des Francs Bourgeois - PARIS-4e

PRINTED IN FRANCE

Imprimerie de la Harpe, 32 rue de Meaux - PARIS XIXe

רבקה אַקערמאַן

צייכענונג פון הענריק בערלעווי

הילע און פּאָרטרעט געצייכנט פון הענריק בערלעווי

געזעצט און געדרוקט ביי
מ אַ ק ס ה ע ר ש ב ו י ם
32, RUE DE MEAUX - PARIS 19e

איך בין פול מיט אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט דער פאַמיליע ר.,
וואָס האָט מיר מיטגעהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים
Fonds Social Juif Unifié - Paris 8e

געהייליקט אין ציטער פון בענקשאַפט און טרויער מיינע אומגעקומענע דורך דער נאַצי־בעסטיע, עלטערן: דוב און ביילע אַקערמאַן און מיינע טײַערע שוועסטער און ברודער חנה און מנחם — אַלע פאַרשניטן אין די שוידער־יאָרן 1941—1943.

הקדמה

פֿאַרשטעלן, באַקענען אונזער עולם מיט אַ נייעם טאַלאַנט און דאָצו איס לויבן אַלס אַן אויסערגעוויינלעכער דערשיינונג, — איז נישט פֿון די לייכטע זאַכן, ווייל ס'איז אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער שריט. און אַזאַ אחריות נעם איך אויף מיר. די גאַנצע ליטעראַרישע וועלט אין יידיש, וועט קענען באַגריסן דעם נאָמען פֿון רבקה אַקערמאַן, וואָס וועט שנעל ווערן באַקאַנט אומעטום ווו יידישע אותיות שאַפֿן ווערטער וועלכע זענען נכנסים אל הלב. און דער נאָמען רבקה אַקערמאַן וועט ווערן באַקאַנט אין אַלע אונזערע ישובים. האָט מען דען נישט געשריבן, בנוגע דעם דיכטער גרילפּאַרצער: — נישט קשה מען וועט זיך צוגעוווינען צום נאָמען!״...?

אונזער חורבן־ליטעראַטור האָט פֿאַר די לעצטע יאָרן אָנגענומען אַ גיגאַנטישע עקספּאַנסיע. ס'איז כמעט שוין נישט דאָ אַ חודש, אָדער אַפּילו אַ וואָך, ווי ס'זאָל נישט דערשיינען אַ ווערק. אָבער דאָס איז שייך די „יזכור״־ביכער, וועלכע זענען באַשטימט אַ גרויסע נויטווענדיקייט; אין די „יזכור״־ביכער זענען פֿאַראַן זייער פֿיל „גבֿית עדות'ן״, זעלטן לירישע שאַפֿונגען, וואָס גיבן איבער די געפֿילן פֿון די וועלכע האָבן געזען דעם טויט ממש מיט זייערע אייגענע אויגן, וועלכע ווייסן אַליין נישט ווי צו באַ־גרינדן דעם נס פֿון זייער נישט־אומקום, — — און רבקה אַקערמאַן געהערט צו די יחידות, צו די עטלעכע, וועלכע מען קען ציילן אויף בלויז עטלעכע פֿינגער פֿון איין האַנט. די גרויסע טראַגעדיע פֿון אונזער חורבן, האָט איינ־ספּירירט דיכטער, וועלכע זענען נישט אַ דורך די מדורי־גיהינום. על אחת כמה וכמה... און זאָל מיר דערלויבט זיין צו אונטערשטרייכן אַ פּערזענלעכע שטימונג: ווען איך האָב מיך באַקאַנט מיט רבקה אַקערמאַנ'ס לידער האָב איך אין אַ פֿאַרלויף פֿון פֿיל טעג מיך נישט געקענט באַרואיקן און אָננעמען באהבה מיין אַרומיקע סביבה. אַן ענלעכן געפֿיל האָב איך געהאַט אין אַ ווינטער־נאַכט, אין פֿראַנקרייך, ווען פֿאַר דעם הויז, ווו איך האָב מישטיינס געזאָגט, געוווינט, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פֿורגאָן פֿון דער „געסטאַפּאָ״.

מיין האַרץ האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצע ווײַלע, מער נישט געקלאַפּט...

דורך דורות פון פאַרפּאָלגונגען האָט זיך ביי אונז פאָרמירט אַן איכה־אַקאָרד. און זוכנדיק אין די לידער פון רבקה אַקערמאַן אַן עכאָ פון אַזעלכע אַקאָרדן, געפין איך אים, לויט מיין מיינונג, ביי ר׳ אמנון פון מאַינץ, אין זיין „ונתנה־תוקף״, וו ס׳שפּיגלען זיך אָפּ די אומזיכערקייט און די ענויים פון דער „מסעי־הצלב״־עפּאָכע... ס׳איז נישט אַ פּראָטעסט, נאָר להיפך, זי אַקצעפּטירט די שטראָף, גאָטס־שטראָף, ווייל זי גלויבט, אַז דאָס וועט לייטערן די נשמות. דאָס איז דער אייביקער תיקון פון דער מענטשלעכער זוכעניש... און וואָס איז געוואָרן ספּעציפיש יידיש. אַ „פּאַרוואָס״, וואָס האָט זיין „פּאַר־דעם״.

פּאַריז, ז־טן יולי 1956.

יוסף מילנער.

רבקה אַקערמאַן

איך האָב זי באַגעגנט צום ערשטן מאָל פאַראַיאָרן אין פאָנטענבלאָ. ווען זי האָט מיר געלייענט עטלעכע לידער, האָב איך געפילט דעם געשריי פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע אין די גאַז־קאַמערן. דער גאַנצער פאָנטענבלאָ־וואַלד האָט אָפגעהילכט מיט אַ געוואַלטיק עכאָ, דער געשריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר אָנגעווייטיקטן האַרץ, האָט געקלונגען ווי אַ מאָנונג צו דער וועלט, צו דער מענטשהייט און צו גאָט.

דער ליידנשאַפטלעכער דיאַפּאַזאָן פון אירע יללות האָט אין מיר אַרויסגערופן דאָס געפיל, אַז מיר שטייען פאַר אַ געוויסן פרווידיסטישן פענאָמען: די אַלע שווערע איבערלעבונגען אין דעם נאַצי־גיהנום האָבן אין איר געשאַפן אַ חורבן־קאָמפּלעקס, פון וועלכן זי קאָן זיך נישט באַפרייען. דאָס איינציקע מיטל, וואָס דערלויבט איר צו מילדערן די גרוילהאַפטע רעמיניסצענצן מיט וועלכע זי איז דורכגעזאַפט, איז די מעגלעכקייט אויסצוגיסן אויפן פאַפּיר אין פאַטעטישע פערזן אירע געפילן, כדי אַזוי אַרום צו געבן זיי אַ תיקון.

דאָס, וואָס אונטערליגט נישט קיין מינדעסטן צווייפל, דאָס איז דער פאַקט, אַז רבקה אַקערמאַן שרייבט נישט כדי צו „מאַכן ליטעראַטור". זי האָט קיין שום ליטעראַרישע פרעטענזיעס, זי שרייבט, ווייל דער אינערלעכער דראַנג שטויסט זי דערצו. פאָעזיע איז פאַר איר, אַן עטישער אַקט, אָבער אין קיין פאַל נישט קיין עסטעטישער. זי האָט מיט וואָרט־קינצלעריי און יעדער מין סטיליסטישער אַקראָבאַטיק גאָרנישט צו טאָן. זי איז דורך און דורך נאַאיוו, אוממיטלבאַר און פרימיטיוו. זי געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון אַזוי גערופענער „נאַאיווע קינסטלער", וואָס אין דער מאָדערנער קונסט, באַזונדערס אין דער מאָלעריי, פאַרנעמען זיי אַ חשובן פלאַץ.

היינט, ווען די קונסט האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון ראַפינירטקייט און עסטעטישן פאָרמאַליזים, קערן זיך פיל צוריק צום פרימיטיוו, צום אוממיטלבאַרן. מען איז שוין איבערזעטיקט פון דער היפּער־

ראַפינירטער מאָדערנער עסטעטיק, דערמיט איז אויך דערקלערבאַר דער וואַקסנדיקער אינטערעס ביים היינטיקן טאָג פאַר דער פּרעהיסטאָריע און אירע שאַפונגען.

נישט קוקנדיק אויף דעם אַנאַכראָניסטישן כאַראַקטער פון רבקה אַקערמאַנס לידער (דאָס וואָרט: לידער פּאַסט זיך נישט), דערשיינען זיי פאַר אונדז, איבערגעזעטיקטע עסטעטיקער, ווי אַן אָנזאָג פון באַנייאונג, פון אוממיטלבאַרן מענטשלעכן אויסדרוק און אַלס אַנטיטעזע צו דער פאַרקריפּלטער און סנאָביסטישער קונסט־אָנשויאונג, וואָס הערשט אַזוי אַלמעכטיק ביים היינטיקן טאָג, וועלכע אָבער איז אין תוך גענומען, דער סינאָנים פון דעקאַדענץ. האַלט איך טאַקע די דערשיינונג **רבקה אַקערמאַן** פאַר פולשטענדיק פּאָזיטיוו און פון הויכע אַקטועלקייט.

איר רעליגיעזקייט אין קיין מיסטיפיקאַציע: רבקה אַקערמאַן זעט אין גאָט דעם איינציק פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דעם מענטשלעכן, פאַר **אונזער** גורל. אַזוי האָט ער געוואָלט און דעריבער מוזן מיר אַלץ אַקצעפּטירן. אמת, דאָ און דאָרט רייסט זיך אַרויס פון איר אָנגעווייטיקטן האַרץ אַ פּראָטעסט, זי דיסקוטירט מיט אים און דאָך... פילט מען אין איר גאַנצן וועזן עפּעס אַן אומגעהויערע אונטערוואַרפונג דעם אויבערשטן. איר שקלאַפערישע געהאָרכזאַמקייט צו גאָט גרענעצט שוין מיט פעטישיזם. **ער** באַגלייט זי אויף יעדן טריט און שריט.

אוודאי, וועלן די ראַפינירטע פיינשמעקער זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין קונסט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער היפּאָטעזע האַלט איך, אַז ס'וואָלט כדאי געווען צו עפענען אַן אַנקעטע: „וואָס איז קונסט?“

נישט אַריינלאָזנדיק זיך איצט אין דעם וויכוח, האַלט איך דאָס שאַפן פון רבקה אַקערמאַן אַלס עפּעס, וואָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון די אָנגענומענע קאַטעגאָריעס, וואָס איז דער היפּוך פון אַלע מינים עסטעטיזירנדיקע באַמיאונגען, וואָס פּרעטענדירן אַזוי שטאַרק צו ווערן קוואַליפיצירט דורך דעם אַזוי באַנאַליזירטן וואָרט „קונסט“. דעריבער מוז מען צוגיין צו איר מיט אַ סך פאָרזיכטיקייט, מיט אַ גאַנץ אַנדערן קריטעריום.

כ'בין אָבער זיכער, אַז איידער נאָך ס'וועט פאַלן דער אָדער יענער אורטייל פון דעם אַלמעכטיקן סנהדרין פון מומחים, וועלן שוין אירע לידער געפינען דעם וועג צום האַרץ פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן.

הענריק בערלעווי.

א פּאָר ווערטער צום לייענער.

חשובער לייענער.

איידער איר הויבט אָן צו לייענען די דאָזיקע באַשיידענע לידער, וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אַט די לידער פירן אונדז צוריק צו דער צייט פון דער לעצטער שרעקלעכער וועלט־מלחמה ווען דאָס יידישע פאָלק איז געווען פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג; ווען מיליאָנען יידישע לעבנס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די פלאַמען פון די קאַלך־אויוונס, און טויזנטער טויזנטער יידישע קינדערלעך האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמה׳לעך פאַר זייער אמונה; דאָס האַרץ האָט געבלוטיקט, זיך צוקוקנדיק צום גזר און פאַר־ברעכן, צו דער הימל־שרייענדיקער עוולה קעגן אומשולדיקן פאָלק ישראל.

די יאָרן 1942 און 1943 זענען די טראַגישסטע יאָרן אין מיין לעבן. אין יאָר 1942 האָב איך פאַרלוירן מיינע טייערע עלטערן עליהם השלום, מיין פאָטער: דוב אַקערמאַן איז אומגעקומען אינעם קרעמאַטאָריום פון מיידאַנעק, און מיין מוטער,ביילע אַקערמאַן, איז דערשאָסן געוואָרן בעת דער שחיטה אין בעלזשעץ, אין 1943 — אַ יאָר שפּעטער האָב איך פאַרלוירן מיין טייערע שוועסטער חנה אַקערמאַן און מיין ליבן ברודער מנחם מענדל אַקערמאַן. ביידע זענען אין בליענדיקסטן עלטער ווי העלדן אומגעקומען על קידוש השם. געהייליקט זאָל זיין זייער אָנדענק.

איך בין געבליבן אינגאַנצן עלנט, איינע אַליין. יעדע מינוט און רגע האָט אויף מיר געלויערט דער טויט. איינמאָל געפינענדיק זיך איינע אַליין אויפן פעלד, אין אַ ווינטער־טאָג, אין חודש יאַנואַר, בעת די גרעסטע פרעסט האָב איך זיך נישט געפונען קיין אָרט און נישט געהאַט וווּ צו אַהינטאָן מיין פּנים פאַר צער און ווייטאָק. מיין קערפּער איז געווען פאַרשטייפט פון הונגער און קעלט, און כ׳האָב זיך געשלעפּט איבער פעלדער און שטעגן און יעדע ווילע האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט גיי איך אָפּגעבן מיין נשמה צום גערעכטן און אייביקן ריכטער, וועלכער האָט זי מיר געגעבן, כ׳פאַל דאָן אַנידער אויף דער ערד אַ גרייטע אויף דער לעצטער מינוט.

אָבער ג־ט וויל נאָך נישט אָנעמען מיין נשמה. דאָן הויב איך מיך לאַנגזאַם אויף און קוק זיך אום אין אַלע זייטן ווי זוכנדיק לינדערונג און טרייסט, ווייל ס׳נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק מיין האַרץ אין טרייסט און לינדערונג. און מיין צונג הויבט זיך אָן צו באַוועגן, זי וויל זיך פאַרקלאָגן פאַר ג־ט. כ׳קען אָבער נישט אַרויסברענגען קיין קלאַנג, ווייל שטום און פאַראַליזירט זענען מיינע גלידער פון ליידן. פון צייט צו צייט רייסט זיך אַרויס אַ שלוכץ ספּאַזמאַטיש ווי פון אַ חושך־לאַבירינט אין אַ טיפן קעלער פון יסורים. ס׳יאָמערן אין מיר טענות קעגן דער באַגאַנגענער עוולה. ס׳בלוטיקט מיין איינזאַמקייט און קלאָגט אָן אויפהער.

דאָס בלייבן אומפאַרגעסלעכע מינוטן אין מיין לעבן. אין יענער צייט איז געשאַפן געוואָרן אין מיר דאָס ערשטע ליד: „עלנט־איינזאַם״, וואָס אייך וועט אויסקומען צו לייענען אין אָנהויב פון דער זאַמלונג.

אין אָט דעם ליד ווענד איך מיך צום הימל און צו ערד, צו זון, לבנה און שטערן, נאָך טרייסט און לינדערונג. נאָר קיינער פון זיי קען מיר נישט געבן קיין טרייסט. כ׳בלייב שטום אין מיין צער און אומגעשטילט; כ׳פאַרקלאָג זיך נישט קיינמאָל פאַר קיינעם, פאַל איך דאָן צו צו ג־ט און אַ געבעט רייסט זיך אַרויס פון מיר:

ג־ט מיין איינציקער, דו, וואָס האָסט מיך גערעטעטעט און אָפּגעהיטן פון טויט און דורך דעם באַוויזן, אַז כ׳האָב ביי דיר אַ זכות, דערבאַרעם זיך אויף מיר און שענק מיר נאָך אַ מתנה פון דיין אוצר; שיק דעם טוי פונעם גן־עדן, אַז ער זאָל אָפּפרישן מיין נשמה מיט טרייסט. באַהעל זי מיט דיין ליכט אין איר קרישטאָל־זויבערקייט, ווייל געלייטערט איז זי פון ליידן און פיין.

„בינד אויף מיינע גלידער, אַז זיי זאָלן זיך קענען
באַוועגן און אויסדריקן מיין צער״.

מיין צונג איז פאַרשפאַרט צווישן די פאַרהאַקטע ציין. און מיינע הענט זענען געליימט און באַוועגלאָז. — גיב אין זיי אַריין דיין רוח חיים, אַז זיי זאָלן קענען פאַרשרייבן אויף דורות אַ ליד, וועלכע וועט אויסזינגען און דערציילן די טיפסטע ליידן מיינע אין קלאַנג. אַ ליד פון אַ האַרץ אויסגעפּרוווט אין געוויטערן, אין גרויל און אין פלאַם. זאָל אָט דאָס ליד מיינס בלייבן אַ מאָנומענט און אַ זכרון אויף אייביק פון דעם, וואָס איך און מיין פאָלק האָבן געליטן. אַן עדות אין שריפט, פון פיין און פון גרויל, פון צער און פון טרויער.

רבקה אַקערמאַן.

פּאָעמען און לידער פון פּ״ן

עלנט-איינזאַם

עלנט־איינזאַם, איינגאַנצן אַליין
בין איך ווי אַ פאַרוואָרפענער שטיין,
אין שניידיקער קעלט, אין פראָסטיקן געוויטער,
שטיי איך איינזאַם און ציטער.

ס'פליסן אָן אויפהער מיינע געוויינען;
קיין טרייסט נישט צו הערן פון קיינעם,
טאַטע, מאַמע, שוועסטער! ברודער!
כ'ווענד מיך צו אייך אין קאָשמאַר־גערודער.

צי גרייכט נישט צו אייער הייליקן שטאָפּל
דעם יתומ'ס טרער און זיין צאַפּל?
קענט איר נישט דעם וועג געפינען,
אינעם נעפּל פון טרערן וואָס רינען
פון מיינע אויגן אין שמאַך און אָנמאַכט
אָן אויפהער, טאָג און נאַכט —

קענט איר נישט דעם וועג געפינען
צו די ליכטיקע פליגלען פון דער שכינה,
און ביי איר אויסבעטן אַ טראָפּן שיין,
צום יתומ'ס האַרץ אין פּיין?

צו זענען פאַר איך פאַרהוילן מיינע גיהנם־ליידן?
זעט איר נישט ווי דער בלאַנק פון שרעק און קעלט
און מיין לייב טוט זיך אַריינשניידן!

און איר זעט דאָך ווי איך בין געבליבן אַליין
אויף דער גרויסער ערד שטיין
און ווייס נישט וווהין צו גיין.

אינמיטן פון אַ וויסטן פעלד,
און נאַקעטקייט און קעלט,
כ׳שטיי און קוק צו אַלע עקן פון דער וועלט;

— אָ, וועלט וואָס דו ביסט אַזוי גרויס,
נעם מיך, — בעט איך דיך, — אין דיין שויס.

— פאַרנעם מיין ציטערדיק געבעט,
— שענק מיר אַ לאַסקע, אַ גלעט,
— כ׳שיק צו דיר מיין לעכצנדיק וואָרט;
— גרויסע וועלט! האָסטו נישט פאַר מיר קיין אָרט?

נאָר אין שוויגן פאַרזונקען און שטום
בלייבט די וועלט אַרום.

דאַן האָב איך מיין בליק מיט געבעט
צו הימלען געשיקט: הימלען איר זעט
מיין פיין און מיין פלאָג,
איר קוקט אויף מיר נאַכט און טאָג.

שיקט אויף מיין פאַרצאָגט געזיכט
אַ לינדערונג־שטראַל פון אייער ליכט.״

נאָר הימלען קערן אָפּ פון מיר זייער בלוי;
זיי הענגען איבער מיין קאָפּ שטום און גרוי.
זיי שיקן נישט קיין ביסל נחמה
צו מיין פאַרטרויערטער נשמה.

הויב איך אויף מיין קאָפּ צו דער זון אין העלן שיינען,
כ'שריי צו איר אויס פון דער טיף פון מיינע פּיינען;

„קוק אַראָפּ אויפן געפּלאָגטן ישראל'ס קינד,
וואָס וואָרגט זיך מיט זיין וויי און ווינד,
זאָלן דיינע טרייסט־שטראַלן
אויף מיין יאָמערדיקן האַרץ פאַלן".

אָבער די זון אין אַ כמאַרע באַהאַלט
איר ליכטיק העל־צעשטראַלט געשטאַלט.
ווי זי וואָלט זיך געשעמט
מיט מיין האַרץ, וואָס איז אין צוואַנגען פאַרקלעמט.

„שטערן, פינקלדיקע שטערן
אפשר וועט איר מיין געבעט דערהערן?"

פאַלן זייערע שטראַלן אויף מיין געזיכט
און ס'זאָגן די שטערן מיט אַ פינקל פון ליכט,
כ'זאָל מיט אַ פרומער כוונה
זיך ווענדן צו דער לבנה.

„לבנה אין זילבער־פעדים, בלאַסער פינקל פון דער נאַכט;
אין דיר איז דאָ אַזויפיל צויבער און מאַכט.
אפשר וואָלסטו אין מיין פינצטער געמיט אַריינגעבליקט
און דאָרט דיין טרייסט אַריינגעשיקט.

אָבער די לבנה אין וואָלקנס פאַרגייט;
און דאָך הער איך אירע לעצטע, מילדע רייד:
מיין ליכט האָט נאָר מאַכט
איבער שוואַרצקייט פון נאַכט.

„כ'שיק מיין אָטעם־הויך פון דער הייך
„פון שטראַלן און זילבער־בלייך.
„אויף באַרג און אויף טאָל,
ס'קען אָבער מיין ליכט נישט גרייכן
צום מענטשלעכן יאָמער־טאָל.

דו, עלנט מענטשן־קינד,
פאַר'יתומט אין זיין ווי און ווינד,
ווייסטו דען נישט צו וועמען
דו זאָלסט הויבן דיינע ברעמען?

ווייסטו דען נישט ווער ס'קען דעם חושך פאַרטרייבן,
און דיר לעבן און טרייסט פאַרשרייבן?
ווענד דיין בליק צום גרעסטן, צום האַר פון די וועלטן;
קער זיך צו אים, פון דיינע פינצטערע געצעלטן.

נאָר אויף אים זאָלסטו קוקן,
און צו אים אַליין קניען און בוקן,
צו אים פאַל מיט געוויין;
ער קען דיר העלפן אין דיין פיין.
ער! נאָר איינער אַליין.

כ'גיי אין פינצטערניש פאַרטראַכט,
ס'טוליעט מיך די שוואַרצע נאַכט.
די אויגן בלאָנדזען און זוכן וויט
די גלידער זענען מיר פאַרשטייפט
דורכגעגאַנגען פעלד און שטעג

כ׳גיי און טראַכט פון לעצטן וועג
דאָס האַרץ אין מיר פאַרקלעמט, פאַרביטערט,
מיין מויל עפנט זיך און ציטערט
כ׳פאַל אַנידער צו דער ערד

און ג־ט, מיין לעצטע תפילה הערט.
כ׳קלאַפּ זיך אין מיין האַרץ על חטא
און מורמל שטיל מיין לעצט געבעט:

„גרויסער ג־ט
וואָס אַלץ באַשאַפן האָט.
דו, וואָס טוסט נאָך אין מיר געדענקען
טוסט מיר נאָך דאָס לעבן שענקען.

דו, וואָס קענסט ניסים באַווייזן;
טוסט יעדן ווערמל שפּייזן.
הער צו מיינע רייד און פּלאָג.
פאַרנעם מיין פלאַטערדיק צוזאָג.

כ׳וועל צוריק הייליק האַלטן
דיין תורה און דיינע געבאָטן,
וואָס זענען געוואָרן אין געוואַלטן
אין בלוט און אין פייער צעטראָטן.

כ׳וועל מיך אין מיינע טרערן וואַשן
און דעם זוים פון דיין תורה קושן.

פאָטער דערבאַרמדיקער ג־ט מיינער,
נאָר דו קענסט מיר העלפן: אויסער דיר — קיינער.
פאַרגיב מיר מיינע זינד,
און נעם מיך צוריק פאַר אַ קינד!

טו מיינע וווּנדן היילן!
און איך וועל דיינע ניסים דערציילן.
איך וועל דיר געטריי אַזוי דינען.
איך וועל דיך פאַר יעדערן רימען.
עס וועט פאַר מיר קיין זאַך נישט שווער זיין,
אַך! העלף מיר! העלף! אין מיין שרעקלעכער פּיין.
ווייל געבליבן בין איך פאַר׳יתומט ווי אַ שטיין.
און העלפן קענסטו נאָר ג־ט אַליין.

און הימל צעעפנט זיינע טויערן פריי.
און לאָזט אַריין דעם יאָמער־געשריי.
ווייל נאָר דעם יתומ׳ס טרערן קענען גרייכן
צום כסא הכבוד און צו די ג־טלעכע הייכן.

צו דער פרייהייט

פרייהייט, פרייהייט איך בענק צו דיר.
ווייל פאַרשטעלט ביזטו פאַר מיר.
און פאַרצוימט פון אַלע זייטן.
כ'בענק צו יענע גוטע צייטן.

אַך, יענע ליכטיקע און העלע צייט,
וואָס איז פון מיר אַוועק אַזוי ווייט.
זי איז פון מיר פאַרשוווּנדן,
אין האַרצן איבערגעלאָזט אַזוי פיל ווונדן.
צי וועט זי קיינמאָל שוין נישט קומען ?
איז זי אויף אייביק אַוועקגעקומען ?

דאָס בלוט אין מיר שטורעמט, רופט,
כ'וויל אויך אַ ביסל לופט.
גלייך מיט אַלע פייגל, גראָזן.
פאַרוואָס האָט מיך די פרייהייט פאַרלאָזן ?

כ'וואָלט געוואָלט פליען איבער טייכן, ימען,
כדי דאָרט פאַרגעסן מיין טאַטן און מיין מאַמען.
מיין ברודער און מיין שוועסטער —
אַלע מיינע טייערסטע און בעסטע.

אָבער ניין! דאָס וועט קיינמאָל נישט פּאַסירן,
סיידן ווען כ׳וועל זיך מער נישט קענען רירן,
ווען מיין לייב אין דער ערד וועט קילן,
ווען איך וועל קיין ווייטאָק מער נישט פילן.

און אַזוי איז עס געשען!
כ׳וועל איך קיינמאָל מער נישט זען?
טייערסטע מיינע,
טאַטע־מאַמע שיינע!

ווער איז נאָך אַזוי גוט ווי איר?
איר זענט דאָך טייערער פון אוצרות אָן אַ שיעור!
און איידער כ׳האָב זיך אומגעקוקט —
האָט מען צוגענומען איך: מיין גליק,
אין איין אויגנבליק.

און גלייך מיט איך האָט מען ס׳לעבן צוגענומען
ביי מיין בעסטן פריינט. ער איז דאַן אויך אומגעקומען.
ער איז געווען מיין טרוים, מיין איינציקער שטרעבן.
אין מיר האָט ער געזען זיין גליק, זיין לעבן.

ער איז געווען יונג און שיין,
איידל, ציכטיק, ס׳איז גאָר זיין גלייכן נישט געווען.
און ער איז אַוועק מיין בעסטער פריינט
כ׳האָב אים פאַרלוירן...
דאָס האַרץ אין מיר בלוטיקט, וויינט.

אָבער באַלד הילט מיך איין טרויער ווידער,
ווייל כ׳דערמאַן זיך אין מיין שוועסטער און מיין ברודער.
שוועסטער, ברודער, ווען איר זאָלט וויסן ווי מיין צער איז גרויס!
ס׳ווייסט נאָר דער באַשעפער בלויז!

ווי פּינצטער איז מיר אָן אייך מיין לעבן;
כ'האָב קיין טאָג, כ'האָב קיין נאַכט,
כ'גיי אַרום פאַרשמאַכט, פאַרטראַכט!
אָן אויפהער יאָמערט אין מיר דאָס וואָרט:
שוועסטער, ברודער, ווער פאַרבייטן וועט מיר אייער אָרט?

ווער וועט מיר געטריי אַזוי זיין?
איר האָט מיך איבערגעלאָזט איינע אַליין.

כ'בין נישט אימשטאַנד מיין טרויער אין ווערטער אויסצודריקן
איך זע אייך אומעטום זוכנדיק אַ תיקון.
ווען כ'גיי שלאָפן בעט איך, אין חלום קומט צו מיר,
ווייל כ'בענק, כ'בענק אָן אַ שיעור.

מיין מאַמען דערשאָסן, מיין טאַטן — פאַרברענט,
מיין שוועסטער און ברודער — דערמאָרדעט, געשענדט
איך טו שוין פאַרגעסן מיין טאַטן און מיין מאַמען.
ווען איך דערמאָן זיך, ווי אַזוי מען האָט מיין שוועסטער
און ברודער דערמאָרדעט צוזאַמען.

און איך לעב? כ'גיי אַרום געזונט?
אָבער? צו קען איך געפונען היילונג פאַר מיין וווּנד?
די וווּנד! די וווּנד! ווי גרויזאַם איז זי!
ווי היילונג געפינט מען? ווו איז זי ווו?

און עס איז פאַראַן פאַר איין מענטש אַזוי פיל ליידן?
און איך לעב? הגם כ'האָב זיך געמוזט מיט מיינע
טייערסטע שיידן?
אָבער מיין לעבן האָט פאַרלוירן זיין ווערדע,
ווייל די חשיבות פונעם לעבן האָט מיר באַרויבט דער מערדער!

מיט אונדזער בלוט זיך אָנגעזויפט,
מיט אונדזערע קרבנות אָנגעגעסן.
עס האָבן זייער הונגער — דורשט געשטילט
די געסטאַפּאָ און „עס־עסן״.

מיט אונדזערע קינדערלעכס בלוט זיך געטון אָנזויגן.
יונגינקע קינדערלעך אין ריינקייט דערצויגן.
זיי אויסגעטון נאַקעט, געשטעלט צו די ווענט,
און דערנאָך אין קרעמאַטאָריום פאַרברענט.

אוי, ג־ט פון די וועלטן!
ווי קען מען דעם ווייטאָק באַוועלטן?
ווי קען מען צוקוקן?
אויף אומשולדיקע קינדערלעכס דערשראָקענע בליקן?

פאַרנעם דעם יאָמער פון יעדן קינד באַזונדער
זע ווי מען ברענגט זיי אום
אַלץ דערפאַר, ווייל זיי זענען יידישע קינדער!

דערפאַר נאָר! ווייל מיר זענען געטריי דיין אמונה געבליבן?
און ווייל דו האָסט אונדז פאַר דיין פאָלק אויסגעקליבן?
דערפאַר! ווייל מיר זענען געבליבן געטריי דיין געבאָט
און מיר ווילן נישט קענען קיין אַנדערן ג־ט?
דערפאַר ברענגט מען אונדז אום מיט אונדזערע קינדער?
מ׳קוילעט, מ׳שעכט ווי אומשולדיקע רינדער?

דאָס גייט דאָך אַריבער דעם מענטשנס פאַרשטאַנד
צו קענען באַגרייפן מיטן געדאַנק.
ג־ט! שווייג נישט! הייב אויף דיין מעכטיקע האַנט
און נעם זיך שוין אָן פאַר אונדזער ווייטאָק און שאַנד.

באַצאָל אים דעם שונא, אונדזער רוצח,
צעשמעטער אים און ווייז אים דיין כּוח,
שענק נישט די עולה פון די אומשולדיקע קינדער.
אַנטפּלעק שוין דיין כּוח און ווייז דיינע וווּנדער,
הער צו מיין געשריי! און עפן דיך הימל!
פאַרנעם מיין שטים אין יאָמערטאָל־געטומל.
נישט אויף אונדזער פאַרדינסט זאָלסטו זיך איצט פרעגן,
כ׳בעט דיך מיין ג־ט! זיי נישט דאַקעגן
טו עס פאַר דיין הייליקן נאָמענס וועגן.

פון שטאָל זענען מיר פון אייזן און שטאָל.
דאָס וואָס איז געשען קען נישט דער אַמאָל;
אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן נישט דורכגעמאַכט
אַזאַ בלוטיקע און פינצטערע היטלער־נאַכט.
ס׳האָט קיינמאָל די וועלט דאָס נישט געזען,
מ׳זאָל אַזוי מאָרדן מענטשן אָן אַ פאַרוואָס און פאַרווען.

איך לעב! איך לעב! אָבער מיין לעבן איז ווי נישט געלעבט
ווייל כ׳האָב דאָס אַלץ דערלעבט.
דאָס אַלץ וואָס ס׳איז געשען
האָבן מיינע אויגן צוגעזען
כ׳בין געווען אינמיטן,
ווען מיין פאָלק האָט געליטן.

דעריבער איז פאַרגאַנגען אויף אייביק מיין פרייד
און מיין מוט.
ווייל די גליענדע שפּיז איז געבליבן שטעקן
אין מיין בלוט.

געשריבן אין באַהעלטעניש אין בונקער
בעת דער מלחמה.

אין ליימיקן גרוב

כ'ליג איינע אַליין אין גרוב פון ליים.
כ'האָב קיינעם נישט, כ'האָב נישט קיין היים; —
קיינער איז אַרום מיר איצט נישטאָ;
ווי לאַנג ציט זיך די שעה!

כ'מורמל נאָר דאָס איינציקע וואָרט:
„דער טאָג שטייט אויף איין אָרט".
כ'טו נישט מער נאָר כ'זאָג און כ'זאָג
„ווי לאַנג ציט זיך דער טאָג".

די שמאָלע, ליימיקע גרוב, —
דאָס איז מיין איינציקע שטוב.
נאָר כ'בין דאָ באַוואָרנט פון נויט, —
ווייל איינער אַ מאַן ברענגט מיר ברויט.

אַ שיינער, יונגער ערנסטער מאַן, —
האָט זיך איינגעשפּאַנט אין חוב־געשפּאַן;
ער האָט רחמנות אויף מיר און ער וויינט,
ער איז אַזוי שוואַרץ און באַהנט.

ער קומט צו מיר יעדן אויף דער נאַכט —
און פרעגט וואָס איך מאַך
ער דערלאַנגט מיר דאָס ברויט
און גייט אַוועק, מער קיין וואָרט ער פאַרטרויט.

כ׳טו נאָר מורמלען אין מיין ליימיקן גרוב:
„מאָטעלע, קום צו מיין גרוב;
ברענג מיר ברויט! ברענג שוין ברענג,
אין מיין הונגער־נויט געדענק.״

און תיכּף הויב איך מיינע אויגן אויף
שטייט מאָטעלע מיט אַ שטיק ברויט.
ער דערלאַנגט מיר דאָס ברויט און זאָגט מיר שטיל:
„בעט פאַר מיר ג־ט, בעט גאָר פיל.

און בלייב דאָ קינד מיינס, און האָב נישט קיין מורא,
איך מוז איצט אַוועקגיין
דו בעט נאָר דעם בורא
„ער וועט דיר העלפן, וועסט זען.״

„פאָטער אין הימל, דו ביזט פאַר מיר גוט
דו שפּייזסט מיך און דיין חסד אויף מיר רוט,
און דערפאַר ווייל דו געדענקסט אין מיר,
וועל איך דיך לויבן אָן אַ שיעור.

דיר קומט דער בעסטער און טיפסטער דאַנק
פאַר דיין גרויסן געשאַנק.
דו טוסט מיך היטן און שפּייזן,
דו איינער קענסט מיך אויסלייזן.

ג־ט פון אברהם, דו ביזט זייער גרויס!
נאָר דו געוועלטיקסט בלויז.
איבער דיר איז קיין ג־ט נישטאָ מער.
כ'שיק דיר מיין אַנטציקונגס־טרער.

ג־ט פון ישראל, אונדזערער ביזט.
דו ווייסט דאָך וואָס דו טוסט;
דו שטראָפסט קיינעם נישט אומזיסט,
ווייל גערעכט זייער ביזט.

דו ביזט דערבאַרמיק, שטאַרק און גרויס,
דו נעמסט פון צרות אַרויס,
דו איינער העלפן קענסט מיר בלויז.
אַך ג־ט! ווער גלייכט זיך דיר אויס?!!!

געשריבן אין באַהעלטעניש אין בונקער
בעת דער מלחמה.

מאַטעלע דער קעמפּער

מיר באַהאַלטן זיך אויס שוין העכער צוויי יאָר.
אונדזער געדאַנק איז נאָך אַלץ לויטער און קלאָר.
מיר זענען דאָ דריי קאַמעראַדן,
מיט געדולד און דעם לײַדן באַלאָדן.

עס גייט פאַרביי אַ טאָג נאָך אַ טאָג;
איינער צום צווייטן טוט יעדעס מאָל אַ זאָג:
„וועט אונדזער לעבן שוין גרינגער נישט זיין?
וועט שוין קיינמאָל נישט קומען די זוניקע שיין?“

אָבער גלייך פאַרשטייען מיר, אַז פון אונדזער זייט
איז נישט שיין צו טראַכטן אַזוי אין אַזאַ צייט,
צי דען טוט ג־ט נישט מיט אַלץ אונדז באַזאָרגן?
ער קימערט זיך פאַר אונדזער היינט און אונדזער מאָרגן.

מיט זיין כוח לעבן מיר נאָך.
מיר פאַסטן צוויי טעג אין דער וואָך.
און טריפות צו עסן וואָלט אויך נישט געווען קיין קונץ, —
נאָר מיר עסן עס נישט און ג־ט איז מיט אונדז.

ס׳פּליסט פאַרביי אַ טאָג נאָך אַ נאַכט
און מאַטעלע גייט אַרום פאַרקלערט און פאַרטראַכט.
ער קלערט ווי אַזוי זיך נוקם זיין אין די שונאים.
ער וואָלט זיי צעריסן ווען ער זאָל קאָנען.

אויפן האַרצן איז אים אַזוי פינצטער און שווער;
ער קאָן שוין נישט אויסהאַלטן מער;
ווען ער דערמאַנט זיך אין די קינדער און דער מאַמען,
וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען.

ער וויל איצט מיט זיין אייגענע האַנט
אומברענגען דייטשן פאַר אונדזער בושה און שאַנד;
פאַר אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער.
מיט דער שווערד וויל ער קעמפן, נישט
ליגן אין די גריבער.

ער טראַכט, אַז איצט איז געקומען די צייט,
אַזוי ווי ס׳געפונען זיך פּעפּעראָווצעס *) נישט ווייט
וועט ער צו זיי צושטיין
און מיט זיי קעמפן גיין.

ער גייט נאָר אַרום מיט דעם געדאַנק,
דאָס איז זיין לעצטער, אינערסטער פאַרלאַנג,
צו אַ דעסאַנטישע פּאַרטיע שטרעקט ער אויס זיין האַנט
צו העלפן די דייטשן שלאָגן, פאַרטרייבן פון לאַנד.

אָבער נעבן אים געפינט זיך אַ מיידעלע אַ קליינס,
פרום און באַשיידן, געהאָרכזאַם און פיינס,
און צו איר רעדט ער אָפט מיט שמאַרץ:
„רבקהלע, ווי ס׳זידט און קאָכט אין מיר דאָס האַרץ!״

*) פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

און זי פרעגט אים: „וואָס איז מיט דיר?
פאַרוואָס זאָרגסטו אַזוי און רעדסט אַזוי צו מיר?
דו דאַרפסט זיך אויף ג־ט פאַרלאָזן,
ער וועט קיין צרות אויף אונדז נישט דערלאָזן.

רבקהלע טייערע, — ענטפערט ער, — ביזט גערעכט;
„נאָר איך בין פון אַ פלאַם פייער פאַרצערט.
„דאָס פייער פון האַס און נקמה
קאָכט אָן אויפהער אין מיין נשמה.

שלאָגן דעם שונא איז מיין איינציקער ציל און שטרעבן.
„כ'בין גרייט דערפאַר אַפילו אָפגעבן מיין לעבן,
„כ'וועל זיך מיט דיר געזעגענען אַ צינד,
בלייב געזונט, מיין טייער קינד".

אָבער זי טוט אים בעטן און וויינען,
פון איר געזיכט קען מען דעם צער לייענען,
זי די טרערןווישט און ווישט
און זאָגט אים: מאָטעלע! גיי נישט! גיי נישט!

ברויט מיט וואַסער זאָלסטו דאָ עסן, —
ווייל דאָרט קענסטו נאָך אין יידישקייט פאַרגעסן.
הער צו מיינע ווערטער, מאָטעלע פיינער,
פאַר אונדז וועט זיך אָננעמען דער באַשעפער נישט קיינער."

ער בלייבט אָבער פאַרעקשנט ביי זיין ווילן.
ער מוז דעם דורשט פון זיין בלוט אין בלוט קילן.
„בלוט פאַר בלוט",
ס'פעלט אים נישט קיין מוט.
און די געלעגנהייט האָט ער אַ צינד
„פאַרבלייב געזונט, מיין טייער קינד!"

און זי גיט אים אַ ווונטש און אַ ברכה,
זיין וועג זאָל זיין מיט גליק און הצלחה.
ס'קלינגט אים נאָך אין אויער איר לעצט וואָרט:
„דערשיס פיל דייטשן, קום צוריק אויף דעם אָרט".

און דאַן לאָזט ער זיך אַוועק אין וועג;
פון געלטשעוו ביז יאָנאָוו אין עטלעכע טעג. —
דאָרט טוט ער אָן אַ גרינעם מונדיר;
ער באַקומט אַ ביקס און מאַשין־געוועהר.

ער טרעט אַריין אין אַ רייטער־באַטאַליאָן.
קיין יידן־פראַגע זעט מען דאָרט נישט אָן.
ייד אָדער נישט־ייד — אַלע זענען דאָרט גלייך;
נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך.

צו די יאָנאָווער וועלדער מאַרשירן זיי ווידער:
אויפן וועג זינגען זיי מונטערע לידער.
נישטאָ צווישן זיי קיין איינער קיין מידער;
זיי אַלע באַלעבט איין אויסגעשריי:
„מיט היטלערן נידער!"

אַ האַלב יאָר האָט ער אין די וועלדער פאַרבראַכט.
און ווען ער האָט געזעטיקט זיין בליק מיט דייטשן
הרוגים, וואָס ער האָט אומגעבראַכט
מיט זיין אייגענער האַנט אין שלאַכט.
דאַן קומט ער צוריק צו זיין קליינער, פון ג־ט באַוואַכט.

צוריק טוט ער אויף אַ פערד רייטן.
מען אַנטלויפט פאַר אים פון וועג דעם ברייטן.
ער טוט שוין שרייען פון דערווייטנס.
מען הערט אַ ווידער־קול פון אַלע זייטן.

„רבקהלע קליינע,
„איינציקע מיינע.
„כ'קום פון אַזוי ווייט
„צו דיר מיט פרייד.

„ס'האָט זיך געשטילט אין מיר דער צאָרן."
„דיין ברכה איז מיר מקוים געוואָרן.
„כ'האָב געלינדערט מיין וויטאָק און שאַנד;
צען דייטשן, איינער נאָכן אַנדערן,
געפאַלן זענען פון מיין אייגענער האַנט".

כ'באַגריס דיך, מיין העלד, וואָס צווישן העלדן ביזט געווען.
„כ'האָב אין דיר גליך אַ קעמפער געזען.
„איצט וועל איך דיר, מאָטעלע, נאָך אַ ברכה געבן;
רייך און פּרעכטיק וועט זיין דיין לעבן.

„און אַזוי ווי איך זאָג, אַזוי וועסטו זען",
„וועט עס אין קורצן געשען.
„דו וועסט ווידער אַוועק ווייט.
אָבער דאָסמאָל, מיט שמחה און פרייד.
„דו וועסט מיט דער שיף איבערן וואַסער שווימען
„צו דיין איינציקן טאַטן, וועסט בשלום קומען."

— „אַך! ווי דערלעבט מען שוין די דאָזיקע מינוט
„און דיך, מיין קליינע, נעם איך מיט,
מיין טאַטע וועט געוויס וויינען און קלאָגן,
כ'וועל אים אָבער איינשטילן, טרייסטן, און זאָגן:

— „טאַטע, מיין טאַטע, קלאָג מער נישט און נישט וויין,
„וואָס כ'בין דיר געבליבן איינער אַליין.
„בעסער הויב אויף דיין בליק מיט גלויבן,
„גיב אָפּ אַ שבח דעם, וואָס זיצט אויבן.

„ווייל וויסן דאַרפסטו, אַז דיין זון, קליינער מענטש
„האָט אַ גרויסע גאָר זכיה,
ווייל ער איז געבענטשט.
„געבענטשט זענען מיר, די וואָס זענען לעבן געבליבן,

„און נישט אין דער ערד געוואָרן פאַרטריבן,
„נאָר לעבן צו בלייבן זענען מיר געוואָרן אויסגעקליבן.
„האָבן מיר חשיבות ביי ג־ט דעם ליבן.
„אָך, רבקה! עס טוט זיך מיר שוין דער קאָפּ מישן

„ווי אַזוי איך וועל זיך מיט מיין טאַטן האַלדזן און קושן,
„ווי טרויעריק וועט מיר זיין, כ'וועל אים מוזן איבערגעבן,
„אַז פון אונדזערע אַלע קינדער, בין איך נאָר
איינער געבליבן לעבן.

צו ג-ט

וואָס פאַרלאַנגסטו, אונדזער האַר, פאַר דיינע גרויסע געשאַנקען?
וואָס באַגערסטו פאַר דיין גוטס
וואָס דו שענקסט אַן אַ צאָל?
פאַר דיר איז קיין באַהעלטעניש נישטאָ; קענסט די טיפסטע געדאַנקען
ווייל אומעטום ביזטו דאָ.

אין ים און אין דער לופט.
אין הימל און אויף דער ערד.
דער גאַנצער באַשאַף צו דיר געהערט;
און די וועלט מיט די סודות אין איר, —
אַלץ איז אין דיר.
טאָלן און בערג, —
זיי דערציילן דיין ווערק
איבער ימים און לענדער —
דו ביזט אָן אָן ענדע.

וואָס פאַרלאַנגסטו? וואָס קומט דיר, מלך פון דער וועלט?
ס'קען דאָך דער מענטש דיר נישט צאָלן מיט געלט?
נישט דאָס קען דאָך זיין דיין לוין און שכר
מיין קעניג! מיין האַר!

זילבער און גאָלד? נישט דאָס איז דיין פאַרלאַנג,
דאָס קען נישט זיין פאַר דיר קיין געשאַנק.
בריליאַנטן? דיאַמענטן? דאָס אַלץ איז דאָך דיין,
דערמיט האָסטו געהייסן דעם מענטש באַצירט זיין.

טאָ מיט וואָס זאָל איך דיר באַצאָלן מיין האַר, מיט וואָס?
פאַר דיין חסד און גוטס, וואָס דו טוסט אָן אַ מאָס?
מיט וואָס זאָל איך קליינער מענטש, וואָס טוט אויף דער ערד וווינען,
דיר אויסדריקן מיין דאַנק, דיר צאָלן, באַלוינען?

כ׳קען דיר נאָר אָפּפערן מיין נשמה,
און פון אירע טיפענישן דאַנקען אויסדריקן,
און לויב־געזאַנגען דיר שיקן.
נאָר כ׳פיל, אַז דאָס איז נישט גענוג פאַר מיר,
כ׳קען נאָך דערמיט נישט צאָלן מיין חוב צו דיר.

און ווי כ׳זאָל דיר נישט דינען;
ווי כ׳זאָל דיך נישט רימען,
ווי כ׳זאָל דיך נישט לויבן,
און דיין גרויסן נאָמען דערהויבן —
אַלץ וועל איך דיר נאָך נישט קומען אַנטקייגן;
און אויף אייביק אַ חוב שולדיק בלייבן.

ג־ט! ג־ט!
ווער גלייכט זיך דיר אויס?
ווער איז נאָך ווי דו, אַזוי אַלמעכטיק און גרויס?
ווער איז נאָך ווי דו אַזוי היכווירדיק און שטאַרק?
אויף דיינס אַ באַפעל ווערט דאָך צעמאָלן אַ באַרג!

לויט דיין פאַרלאַנג האָט זיך דער הימל געשיידט פון דער ערד;
און אַלץ אויף דער וועלט האָסטו מיט חכמה פאַרקלערט.

דעם הימל האָסטו מיט ליכטיקע שטערן באַשיינט;
און ווען די ערד אַ נאַקעטע האָט פאַרשעמט געוויינט,
האָסטו זי צוגעדעקט מיט אַ גרינער קלייד
פון גראָז און געשיקט צו איר די פרייד
פון בלומען און מיט אַלע פאַרבן באַמאָלט אויף איר באַרג און טאָל.
און ווי מיט קטורת אויף אַ מזבח,
האָסטו זי באַשאָנקען מיט אַ ריח ניחוח.

אַלץ האָסטו באַשאָנקען מיט חן,
אַלץ דאַרף דיר דאַנקבאַר זיין.

אָבער ווו זענען זיי? די מבינים? ווו זענען?
ווען וועלן זיי דיך בורא, שוין אַלע דערקענען?
ווען וועלן זיי אויפהערן דיך צו דערצערנען?
און דיינע געבאָטן האָרכן און לערנען?

ווייל ג־ט איז דערבאַרמיק און וויל זיינע קינדער נישט שטראָפן,
ער לאָזט שטענדיק די טויערן פון תשובה אָפן.
ער באַגערט צו פאַרגעבן, מבטל צו זיין די גזירה
ווען אָבער דער זינדיקער טוט נישט קיין תשובה
דאַן האָט ג־ט נישט קיין ברירה.

ג־ט טוט קיינמאָל נישט קיין אומרעכט,
ער און זיין משפט איז שטענדיק גערעכט.
יעדער איינער פאַרשרייבט זיך מיט זיין האַנט זיינע טאַטן,
און קיין אייגענע שריפט, קען מען קיינמאָל נישט פאַראַטן.

דעריבער לאָמיר שטענדיק געדענקען, אַז מיר זענען דער בחיר העמים,
לאָמיר אים אַלע ליבן צוזאַמען;
לאָמיר צוזאַמען אונדזער ג־ט ליבן,
לאָמיר זיין גרויסן נאָמען דערהויבן,
לאָמיר זיך טון מיט אים אַלע רימען,
לאָמיר אַלע געטריי אים דינען,
לאָמיר אים שבח און כבוד אָפּגעבן,
פאַר זיין הייליקן נאָמענס־וועגן.

און ער דערפֿאַר וועט אונדז באַשיינען, דערהויבן.
אַלע פֿעלקער וועלן דערקענען דאָס איינציקע גלויבן,
קיין שונא וועט אויף אונדז נישט האָבן קיין שליטה,
קיינער וועט אונדז נישט קענען פֿירן צו דער שחיטה.

ג־ט וועט דערפֿילן דעם צוזאָג צו אברהם זיין קנעכט,
ישראל וועט דערווערבן זיין אייגענע רעכט.
אויפֿהערן וועט דאָס בלוט זיך צו גיסן.
ג־ט וועט זיין צאָרן איינשטילן
און וועט זיינע אַלע הבטחות דערפֿילן.

ווען מיר, די קינדער פֿון ישראל,
וועלן אים דינען ווי אַמאָל;
וועלן זיך צו אים מיט ליבע און זעל באַקערן
און אייביקע טריישאַפֿט אים שווערן.

דעריבער רוף איך צו אייך אַלע און צו יעדן באַזונדער:
הערט אויס מיינע רייד ישראלס קינדער,
אַזוי לאַנג ווי איר לעבט און ס'שלאָגט אין אייך ג־טס אָטעם,
מיידט אויס די וועגן פֿונעם שטן;
פֿאַרלאָזט נישט, פֿאַרגעסט נישט אייער ג־ט דעם באַשעפֿער,
דעם איינציקן דערלייזער, פֿאַרזאָרגער און רעטער.

באַרעכנט זיך, טוט נאָר אַלע אַ קליינינקן טראַכט,
אַז איבער אייך וואַכט אייביק די ג־טלעכע מאַכט.
נעמט זיך נישט איבער מיט רייכטום, שטאָלצירט נישט מיט געלט,
דערמאַנט זיך אין שכר פֿון דער אייביקער וועלט.

אייער חוב איז צו ליבן אייער לאַנד און אייער ג־ט;
און קיינמאָל נישט צו פֿאַרלייקענען זיין הייליק געבאָט.
פֿאַרלאָזט נישט די תורה, אייער ליכטיקע קרוין;
געדענקט אין דעם אוצר פֿונעם אייביקן טרוים.
מיט אַ מונטערן גייסט הויבט זיך אַלע אויף,
צו דערפֿילן געטריי אייער הייליקן חוב.

תורה

תורה, אָ, תורה דו פּראַכטפולע תורה,
וויפל חכמה און לערע, וויפל גוטס אָן אַ שיעור
וויפל שיינקייט און גרויסקייט, לויטערקייט און געדאַנק
געפין איך אין דיר.

אָ תורה, דו ג־טלעכער געשאַנק,
אָ קען מען דען אָפּשאַצן דיין ווערט און דיין פּראַכט ?
אין דיר שטראַלט דאָס ליכט
פון דער הייליקער מאַכט.

תורה, דו שיינענדיק ליכט,
אומצייילבאַרע פּערל, אוצרות אָן אַ שיעור
לויטערער קוואַל, דערקוויק פון מיין האַרץ, —
געפין איך אין דיר.

דו ביזט דאָך צום מענטש פון ג־ט געגעבן,
פאַר זיין וויל און זיין לעבן.
כדי ס׳זאָל נאָכגיין זיין גוף
דעם אויבערשטנס געבאָט און זיין רוף
און דורכן גוף זאָל וויל זיין דער נשמה,
ווייל די תורה איז פון ג־ט די בעסטע מתנה.

אַ מתנה ווי מען קען געבן דעם טייערסטן קינד.
דעריבער האַלט זי ערלעך
און לאָז זי נישט פאַלן אין קיין שטורם־ווינט.
אין לייד, און אין פּלאָג, אין וואַסער, אין פייער,
בלייב איר געטריי ווייל דיין לעבן איז דאָרט
אין איר יעדן שטראַליקן וואָרט.

געפינען וועסטו אין איר דעם זיכערסטן שוץ,
הערן וועסטו פון איר דעם נוצלעכסטן ראָט.
אַלץ וואָס דיין נשמה פאַרלאַנגט
אָ, תורה, דו בעסטער געשאַנק.

אַ היילונג ביזטו צו דער פאַרוווּנדעטער נשמה.
אַ היילונג, אַ באַלזאַם פאַרן מענטשנס געמיט,
אָ, נעם זי קינד מיינס! נעם אָן איר נחמה
און גיי אין אירע געבענטשטע טריט!

און ווען כ׳לעכץ צו איר אין בענקשאַפט און שמאַך,
און ווען ס׳דורשט מיין נשמה צו דער הייליקער זאַך,
צו דער תורה, ווייל כ׳האָב זי נישט געלערנט שוין לאַנג,
ווי לייד איך דאַן, און ווי ס׳טוט מיר באַנג!!!

און ווען כ׳נעם די תורה, די הייליקע תורה
און טוליע זי צו ווי מען טוליעט אַ קינד
און עפן זי אויף און לערן אין איר,
ווי לייכט ווערט מיר געשווינד.

ווייל ס׳טריפט דאַן טרייסט אין מיר אַריין,
יעדן חושך צעטרייבט איר העלקייט און שיין,
און מיט די שענסטע און זיסטע מעלאָדיעס
און טענער וויגט זי מיך איין.

עס ווערן אַראָפּגעוואָרפן אַלע מיינע קייטן.
ס'אַנטלויפט דער אומעט פאַר איר העלקייט און שיין,
איך טו זיך אויס אויף אַ ווײַלע פון ליידן,
זי איינע צעטרייבט די וואָלקנס פון מיין פיין.

אָ תורה! תורה, די אייביקע תורה
הערלעכסטער געשאַנק פון דעם בורא,
אייביק זאָלסטו לויכטן דיינע קינדער דעם וועג,
און אויף אייביק זאָלסטו זיך איינקריצן אין יעדן האַרץ באַזונדער,
און געבענטשט זאָלן זיין דיינע נאָכגייערס טעג.

אײביק װײנט אין מיר דאָס האַרץ

איך האָב געמײנט, אַז יאָרן װעלן אַװעק,
װעל איך פֿאַרגעסן דעם טרױער און שרעק;
ס'װעלן פֿרישע װוּנטן פֿון נײַע צײַטן
די אַלטע לײַדן פֿאַרבײַטן.

כ'האָב געמײנט, אַז יאָרן װעלן אַװעק
װעלן זײ נעמען מיט זיך דעם װײטאָק דעם שװערן
און צו פּלאָג װעט נעמען אַן עק,
ס'װעלן ליכטיקע טעג צו מיר צוריקקערן.

כ'האָב נאָר געמײנט, אַז יאָרן װעלן אַװעק
װעט מיט זײ אױך אַװעק דער פֿינצטערער גזר,
און ס'װעט אין דער צײַט זיך אױסדעמפּן מײַן צער.

איך האָב נאָר געמײנט, איך האָב נאָר געגלױבט,
עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַזױ מוז עס זײַן.
דאָס האַרץ פֿון פֿרײד באַרױבט,
װעט אױפֿלעבן און צעפּליקן דעם געװעב פֿון פּײַן.

אױ, שװער איז צו טראָגן אַ קינד שװערע קײטן,
נאָך שװערער איז צו טראָגן אַן אײביקע לײד,
װאָס טוט אָן דערבאַרעמונג דעם מענטשן באַגלײטן,
און עס ברענגט נישט קײן הײלונג די פֿאַרגאַנגענע צײַט.

ישראל דו געליטענע מאַמע

ישראל, הייליק לאַנד,
האָסט דערוואַכט ביים ראַנד;
ביזט אויפגעקומען פון שלאָף דעם שווערן און מידן,
זוכסט אין אַלע זייטן, דו ביזט נישט צופרידן.

— וואָס זוכסטו מאַמע? וועמען רופסטו אַ צינד?
ווו איז דער יתום; ס׳צעבראָכענע קינד?
„אַזוי לאַנג געשלאָפן? אַזוי לאַנג קראַנק געווען —
און די ערשטע איר פראַגע: וואָס איז געשען

מען האָט צוגענומען פון מיר מיינע קינדער,
צעזייט און צעשפרייט יעדער באַזונדער?
איך הער זיי. די קולות דערגייען צו מיר.
„ווי איז צו דער מאַמען, ווי איז צו מיר.“

און זי שטרעקט אויס אירע פליגל: „געשווינדער“
און פּלוצים; — אַ וווּנדער!“
וואָס איז געשען?
נאָר וואָס אַזוי שוואַך געווען.

און איצט — שטאַרק ווי אַן אָדלער אין רוימען!
און איר שטים גרייכט איבער טייכן און יאַמען.
זי רופט די יתומימלעך, זי רופט זיי צוזאַמען,
און די קינדער דערהערן דאָס קול פון דער מאַמען
און לויפן צו איר איבער טייכן, יאַמען.

פרייד אָן אַ שיעור, גליק אַזוי פיל;
פרייד מיט געוויין, זי טרייסט זיי אין פיין
און זאָגט זיי צו, און נעמט די קינדער איין.

קיין שום קראַפט אין דער וועלט
וועט מיך פון אייך קענען שיידן!
ווייל ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ מאַמע
ווי איך און אירעליידן."

און זיי האָבן זיך אומגעקערט
און קושן די ערד
און זיי פאַלן צו די מויערן,
נעמען אַרום די טויערן,
און קושן יעדן שטיינדעלע באַזונדער, —
זיי די פאַרוואָגלטע, עלנטע קינדער.

אָבער עס איז נאָך נישט פול דער כוס פון די טרערן?
עס ברומען שוין ווילדע טיגער; זיי ווילן דאָס גליק צושטערן.
זיי קריצן מיט די ציין.
און טוען זיך גרייטן און פאַלן אָן פון אַלע זייטן.

און דאָס קול פון דער מאַמען
הערט מען ווייטער איבער יאַמען:
— „דער יאָך איז צו שווער,
— כ'קען שוין נישט מער,

— דערלאָזן צו יסורים און שאַנד!
— אויף דער וואָך שטעלט אייך אַלע באַנאַנד.
— אַקסל צו אַקסל, האַנט צו האַנט,
פון אייערע ברוסטן מאַכט אַן אייזערנע וואַנט
צו באַשיצן און באַוואַכן דאָס הייליקע לאַנד.

פעסט און שטאַרק צום קאַמף מיינע קינדער.
מוטיק און העלדיש קעמפן אַ צינדער.
אויפן שלאַכט גיין מיט אַ פריילעך געזאַנג
נישט לאָזן פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק און דאָס לאַנד.

הערט צו דאָס קול פון אַ געליטענער מאַמען,
אַ סוף מוז נעמען צו די יידישע דראַמען!
הויבט אויף די הענט און שווערט אַלע צוזאַמען;
צו קעמפן און שיצן דער הייליקע מאַמען.

מיר וועלן נישט פאַרלאָזן

נישט פאַרלאָזן וועלן מיר אונדזער ערד, אָ ! ניין !
נישט אַוועקגיין פון אונדזער אויסגעטרוימטן האָפן.
די ערד וועלכע האָט איינגעזאַפּט אַזוי פיל געוויין,
פון אונדזער בענקשאַפט און טרערן געשאַפן.

נישט פאַרבייטן וועלן מיר די שפּראַך פון די אָבות
אין וועלכע דיכטער האָבן געזונגען זייער געזאַנג
נביאים האָבן אויסגעדריקט זייערע ג־טלעכע מחשבות
און צו גערעכטיקייט זייער פלאַמיקן דראַנג.

מיר וועלן נישט לאָזן פאַרוואַרלאָזט די אוצרות פון געדאַנק,
דאָס אַלץ, וואָס אונדזער שטאַם האָט אין בלוט
אונדז איבערגעלאָזט פון דור־דורות אַ געשאַנק,
פון גלויבן, אויסדויער און מוט.

קעמפן וועלן מיר פאַר יעדן ברעקעלע ערד,
פאַר אַ שטיין, פאַר אַן איינציקן שטויב.
קעמפן וועלן מיר מיט פייער און שווערד
פאַר ישראל די אומשולדיקע טויב.

ליב איז אונדז דער ריח פון היים,
טייער דאָרט דאָס גיין און פאַרגיין;
געהייליקט איז דאָרט די ערד און דאָס ליים,
אין אונדזער בלוט און אין אונדזער געוויין.

טריי אין געראַנגל וועלן מיר בלייבן,
די חורבות צו באַוואַכן און בויען.
און אַ ניי בלעטל אין אונדזער געשיכטע פאַרשרייבן,
די שטויבן אָפּפרישן מיט ליכטיקע טויען.

הימל וועט עפנען פאַר אונדז די טויערן,
ס'וועט דערהערט ווערן דאָס הייליק געבאָט.
גענוג שוין צו שמאַכטן און טרויערן,
אין קאַמף און אין זיג העלפן זאָלסטו אונדז
ג־ט.

דאָס פרעמדע לעבן

וואָס קען דיר געבן ס׳פרעמדע לעבן ?
די פרעמדע ערד און פרעמדער ים ?
פאַרוואָס דאָס שטרעבן
צו פאַרלייקענען דיין שטאָם ?

וואָס קען דיר געבן דאָס פרעמדע ליכט ?
ס׳איז דאָך נעפּל, פאַר דיין געזיכט.
און דער באַרג — פון ווייטנס הויך, —
צעבלאָזט דיין שטאָלץ מיט בלויען רויך.

און די ברייטע גרויסע פעלדער,
און די געדיכטע גרינע וועלדער,
און די צויבער גאָלדענע לאָנען, —
ס׳איז אין זיי קיין טרייסט פאַראַנען.

וואָס קען דיר געבן פרעמדע פּראַכט ?
ווען דו נעמסט די פרעמדקייט אין באַטראַכט ;
נעמסט אין האַנט אַ רויז אַ שיינע ;
„זי איז נישט דיינע, זי איז נישט דיינע.

און די בוימער און די צווייגן
ווען זיי טוען זיך איינבייגן
שפּרייזט איבער זיי אַזוי שלעכט,
ווייל דאָ און דאָרט בייסט דיך, שטעכט.

יעדער שריט און יעדער טריט
מיט פרעמדקייט רעדט צו דיין געמיט;
און עס גיט דיר צו דערקענען:
דו ביזט נישט ביי זיך, נאָר אַלץ ביי יענעם.

אַלץ איז טריב און פאַרסמט
אי דאָס וואַסער, אי דער זאַמד
און די בערג און די טאָלן,
דיין האַרץ אויף שטויב צעמאָלן.

ס׳דריקן דיך די פרעמדע הענט,
און דער דרוק ער פּייניקט, ברענט,
ווייל פרעמדע הענט טוען נאַרן;
מ׳קען מיט זיי נאָר פייער שאַרן.

אַן אייגן שטיבעלע, אַ קליינס.
אַן אייגן נעסטעלע און דיינס.
אין די הענט וועלע דערינען, —
קענסטו נאָר דיין גליק געפינען.

דער שענסטער פּאַלאַץ מיט זיין גלאַנץ,
מיט גאָלד באַשלאָגן און באַקראַנצט,
איז נישט דער בעסטער נאָך באַווייז,
אַז דאָרט געפינט זיך נישט קיין אייז.

אַן אייגן ווינקעלע, אַ פיינס,
אַן אייגן ווינקעלע און דיינס. —
דאָס זאָל זיין דיין איינציק שטרעבן.
דאָס זאָל זיין דיין ציל אין לעבן.

דאָרט געפינען וועסטו דיין ברויט,
וועסט דאָרט באַשירמט זיין פון נויט;
די ריינע ליבע און די שכינה
וועסטו אין דיין אייגן הויז געפינען.
— — — — — — — —
— — — — — — — —
אַז נישט קיין האָפנונג אין טרייסט, אין לעבן,
וואָס קען דיר די פרעמדקייט געבן?

צו זיך אַהיים

פון גלות צו זיך אַהיים, —
ווי אַלץ איז פּרעכטיק און שיין!
די אַרבעט איז נישט קיין שאַנד,
די אַרבעט באַצירט אונדזער לאַנד.

אַפילו ווען איינעם איז די אַרבעט שווער
קרעכצט ער נישט, נאָר פאַר נחת לאָזט פאַלן אַ טרער
און ער האָפט אויף דעם ליכטיקן מאָרגן,
וואָס וועט אים זיין צוקונפט באַזאָרגן.

ער בויט אַ לאַנד, און אַ צוקונפט ער גרייט.
די קומענדיקע דורות באַזאָרגט ער מיט ברויט,
דאָס לאַנד איז הערלעך, אויף די פּרדסים ליגן טויען.
אונדזער פאָלק דאַרט זיין לעבן טוט בויען.

נאָר איין זאַך טאָר אונדזער פאָלק נישט פאַרגעסן,
אין אַלע זיינע שווערע, פאַרהאָרעוועטע מעת־לעתן;
אַז דאָס לאַנד מוז געבויט ווערן אויפן יסוד
פון רעליגיע און גלויבן אין ג־ט.

וועז דאָס לאַנד וועט מיט טראַדיציע ווערן געפורעמט
וועט עס פעסט זיין און ביישטיין יעדן שטורם.
אונדזערע קינדער וועלן גיין אין די וועגן פון דער תורה
שטאָלץ און מוטיק, אָן שרעק און אָן מורא.

מיט ליכט און באַוווסטזיין וועלן זיי זייער לעבן באַשפּינען,
און וועלן אויף אַלע פראַגן אַ ווירדיקן ענטפער געפינען.
פעסט ווי די פעלזן פון יהודה וועלן זיי זיין,
באַגאָסן מיט גאָלדענעם פרימאָרגן־שיין.

צו מאַדאַם על-ענרי

דיין זיסער שיינער שמייכל,
דיין גוטער צאַרטער בליק;
דיין קעניגלעכער אויסזען
דו ביזט באַשאָנקען פול מיט גליק.

דיינע העלע בלויע אויגן,
ווי צוויי ליכט, וואָס לויכטן שטיל;
צניעותדיק באַשיידן און דערהויבן;
און מיט גוטסקייט אַזוי פיל.

ווי שטערן ליכטיקע פון ווייטן,
ווי שטראַלן גאָלדענע אָן אַ צאָל,
שפּראָצן, לויכטן פון זיי אוצרות
זעלטן וואָס מען קען נאָר זען אַמאָל.

ביזט באַשאָנקען פון דעם בורא
מיט אַזוי פיל חסד, אַזוי פיל חן;
הערלעכקייט אָן אַ שיעור
האָט ער דיר געשענקט אַליין.

פון די אבות — אַ נשמה
פון די אמהות — אַ געשטאַלט;
פון אַ מלאך — די נחמה;
און פון ג־ט אַליין באַשטראַלט.

דעריבער הויב דיינע אויגן אויף
און פון גליק מיט גרויס געוויין.
לויב דעם בורא דיין באַשעפער,
וואָס דו ביזט ביי אים נושא חן.

צום גרויסן קינסטלער ה. ב.

אין מיין דימיון קומסטו פון שטאַם פון בנימין,
געשעצט אויף אייביק זאָל זיין דיין נאָמען.
— — — — — — — —
— — — — — — — —

שיין פון פרימאָרגן, קינסטלער דו גרויסער! —
באַהויכט איז דיין פנים מיט הימלישן טוי.
ס'שפיגלט אין דיר דער אימפעט פון גבורה
דו רייסט זיך צו דערגרייכן די בלוי

די אויגן די מאַטע, מיט לויכטקייט באַצירט.
דער אָטעם, ער פלאַטערט פון וואונדער באַרירט
באַצויבערט אין גייסט פון זיינע אייגענע ווערק,
מעכטיקט זיין פעסטונג און שפאַנט אין די בערג.

און תמיד אין דער אַרבעט פאַרטיפט און פאַרקלערט
אַפילו אַ פליג אים שטערן איז פאַרווערט,
שפאַנט העכער און העכער, צום באַרג־שפּיץ דערגיין.
ווערט קיינמאָל נישט מיד, בלייבט קיינמאָל נישט שטיין.

פֿאַר'עקשנט אין ליבשאַפֿט אַזש ס'קימערט אַ טרער
פֿאַרטון אין זיין קונסט, אין זיין הייליק באַגער,
פֿילט אויס זיין חוב, ווידמעט צוזאַמען,
ליבע דער קונסט, און ליבע דער מאַמען.

דו לייגסט דיר אַ חתימה מיט דיין אייגענער האַנט
אַ חתימה אין הימל פֿון לעבן גאָר לאַנג,
ווייל עס טוט דאָך מלאָכים אין הימל באַרירן,
ווי דו טוסט כבוד אַם אויספֿירן.

באַשאָנקען ווערסטו זיין מיט לאַנגן גאָר לעבן
פֿאַר דעם גרויסן כבוד דיין מוטער אָפּגעבן.
— — — — — — — —
— — — — — — — —

געבענטשט ביזטו זון געווידמעט דער ערד.
געבענטשט ביזטו קינד דער מאַמעס באַשערט,
געבענטשט ביזטו אוצר, וואָס שטראַלט אין געצעלט,
געבענטשט ביזטו שטערן, וואָס דו לויכסט אויף דער וועלט.

אין אַ שטיבעלע אַליין

אין אַ שטיבעלע אַליין;
איינפאַך, אָבער זויבער פיין, —
זיצט זי פאַרוואָגלט און פאַרטראַכט.
עס זעט זי קיינער, נאָר די נאַכט.

טונקל איז די נאַכט און שוואַרץ,
נאָר זי איינע פילט איר האַרץ.
זי אַליין פילט איר מיט,
ווייטער קיינער, קיינער נישט.

נאַכט, דו וועסט פאַרגיין, און שיקן דעם מאָרגנשטערן.
און אויף דער וועלט וועט ווידער ליכטיק ווערן,
נאָר פאַרוואָס קען מיר ליכטיק נישט זיין?
בין איך באַשאַפן אויף אייביקע פיין?

ליכטיקע זון, ווו ביזטו אַנטרונען?
ווער האָט דיך פון מיר צוגענומען?
האָסט באַגינען צו שיינען, און פאַרגאַנגען אַ צינד.
דו טוסט אַנטלויפן פון עלנטן קינד?

ביזטו אויף אייביק פֿאַרפֿאַלן פֿון מיר ?
כ'האָב דאָך נישט קיינעם חוץ דיר !
— פֿאַרוואָס האָסטו געוואָרפֿן אויף מיר אַ ליכט־זייל,
און געבליבן איז פֿון איר נאָר אַ גליענדע פֿייל ?

ווען דו ווילסט שטראַלסטו און וואַרעמסט אויף מיילן.
און אַז דו ווילסט וואַרפֿסטו גאָר גליענדע פֿיילן ?
פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַר דיין ציל מיך אויסגעקליבן ?
פֿאַרוואָס דיינע פֿיילן זענען אין מיין האַרץ שטעקן געבליבן ?

— טעג און נעכט, פֿאַרוואָגלט, איינזאַם אַליין,
פֿאַרוואָס ווילסטו נישט הערן מיין ביטער געוויין ?
פֿאַרוואָס ווילסטו נישט פֿילן מיין ווייטאָק און לייד ?
דו ווילסט נישט וויסן ווי מיין האַרץ צעגייט.

פֿאַרוואָס זעסטו נישט ווי מיינע טרערן טוען מיך שטיקן ?
צו ג־ט דעם באַשעפֿער ווענד איך אין צער מיינע בליקן.
— ס'טוען הויערן אויף מיר מיינע ליידן און דריקן,
כ'קען אין ערגעץ נישט געפֿינען קיין רו און קיין תיקון.

— האָסט אָנגעהויבן אויף מיר זיך דערבאַרעמען,
האָסטו באַדאַרפֿן אינגאַנצן, דערמונטערן, דערוואַרעמען,
נישט אַוועקוואַרפֿן אין אָפּגרונט פֿון פּיין,
און מיך איבערלאָזן אַליין מיט מיין געוויין.

כ'ליב דיך מיין זון, אין דיינע שטראַלן באַגער איך מיך היילן,
הגם דו באַוואַרפֿסט מיך מיט גליענדע פֿיילן,
— וואָס ברענען מיך דורך ווי כ'בין גרויס,
דאָך וויל איך זיך טוליען אין דיין שויס.

כ׳געדענק שטענדיק און כ׳בענק צו דיין ערשטע ליכט.
אין אים וויל איך שווענקען מיין געזיכט.
אים האָב איך אין האַרץ אַריינגענומען.
ס׳שיינט דאָרט מיט קראַפט, ס׳איז נישט אַוועקגעקומען.

און ווען דו קערסט אָפּ פון מיר דיין שיין, —
מורמלען מיינע לעפצן צו דיר אין שטילן פיין.
זיי בעטן ביי דיר אַ לעצטע טרייסט.
נאָר איין ג־ט מיינע ליידן ווייסט.

צום נייעם יאָר

אירע טרערן אין דער שטיל
וועלכע ס׳זעט נאָר ג־ט אַליין
זיי דערציילן איר געפיל
און ציטערן אין געוויין.

דאָס נייע קומענדיקע יאָר
זאָל זיך אָנעמען פאַר איר,
און דערמאָנען דאָרט אין הימלען,
אַז דער כוס פון טרערן איז שוין דערפילט.

זאָל דאָס האַרץ, וואָס ליבט ריין
איינשטילן זיין געוויין,
ווייל הייליק און אָן אַ פלעק ציכטיק
איז די ליבע, וואָס ליבט ריכטיק.

אויף אַזאַ ליבע האָסטו נישט קיין תרעומות, ג־ט!
ווייל ליבן ריין און אמתדיק איז דאָך אויך דיין געבאָט,
טאָ שענק, ג־טניא, אַ גוט יאָר, אַ גוט יאָר.
און דו חתן, שענק דיין כלה ליבע ווערדיקע ביז גאָר.

זאָל דאָס נייע יאָר זיי באַגליקן מיט לעבן
און דערפאָלג אין יעדן שטרעבן
און די טייערע שענק צאַרטקייט איר וואָס מער,
ווייל דאָס איינע איז איר באַגער.

אַ לבנה-נאַכט אין פרילינג

אַ שטילער, זילבערנער לבנה־שטראַל
פינקלט ווי אַ סטרונע צווישן שטערן.
אין פליסטערנדיקן אויפגעוואַכטן טרוימען־קוואַל,
טויכן צאַרטע פרילינגס־טרערן.

אָט זעט מען ליכטעלעך פון פאַרשידענע קאָלירן,
אין דער ווייטקייט סודותדיק פינקלען,
זיי פאַלן אויף די בלעטעלעך, און טוען מיט פערל זיי באַצירן,
און פאַר'כשופן אַלע ערדישע ווינקלען.

און אָט הערט מען דעם פויגלס צויבעריקע טרעלן
איבער צווייגעלעך און בלעטעלעך זיי שפּרינגען,
דאָ און דאָרט דער הימל באַגינט שוין צו העלן,
און דער סאָלאָוויי הייבט אָן זיין ליבעס ליד צו זינגען.

און אַ שכרות־דופט טראָגט זיך איבער וועלדער
ווי אַ באַלזאַם פאַלט ער אויף דעם האַרץ פאַרשמאַכט
און דער זילבערנער לבנה־שטראַל, בלאָנדזשעט איבער פעלדער,
וועבט אַ כשוף־טוך אין דער פרילינגס־נאַכט.

אויפֿן האָריזאָנט — אַ שאָטן
וואונדערלעכע שאָטן־נאַכט.
שטערן גאָלדענע, הימל־בלוי,
ס'פּרייט זיך ס'לעבן וואָס דערוואַכט,
גראָזן, בלומען, פּערל, טוי.

עס שמעקט דער וואַלד, עס שמעקט דאָס פֿעלד,
עס וויגט מיך איין ס'געזאַנג פֿון ווייט,
רייץ און וואונדער שענקט דער וועלט,
די נאַטור אין פֿרילינגס־צייט.

אַווידערקול פֿון ווייטנס;
עס וועקט זיך מיין נשמה,
און האַרץ וועבט אַ שטילער, שטילענקער פֿאַרקלאָג,
אַז ערגעץ ווייט אַמאָל אין פֿרילינגס־צייט
געהאַט האָב איך נחמה,
און איך פֿיל אַ באַרג אַ שווערן, אין מיין האַרץ איך טראָג.

איך ליב

איך ליב די היים, די ליכטיקע היים,
איך ליב אין איר דעם פרימאָרגן־שיין.
איך ליב אַזוי פיל. איך ליב און איך טראַכט.
איך ליב די היים מיט מיין גאַנצע מאַכט.

פאַרהוילענער זיפץ, נישט זיכערער קלאַנג,
שטייט ווי אַ שאָטן, און פאַרשטעלט מיר דעם וועג.
און שטערט אָן אויפהער מיין רו און געדאַנק.
און וויל פון מיר חשבון, צי ליבן איך מעג.

איך ליב דאָך די זון, דעם פרימאָרגן־שיין.
איך ליב דעם פלוס פון ליכטיקן שטראַל.
איך ליב דאָך דעם שטערן אין וועלכן כ׳קוק זיך איין.
איך ליב דאָך אַלץ, וואָס ס׳איז ליכטיק און ריין.

פאַרוואָס נעמט מיך אַדורך אַ שוידער און ציטער,
און שרעק גייט נאָך יעדן מיין וועג?
און וואָרנט אָן אויפהער פונקט ווי אַ היטער,
און פאַרטרויערט מיינע יונגע טעג?

איך טראַכט. איך וויל וויסן.
איך הער זיך איין.
כ'הער ווי עס זאָגט מיין געוויסן,
אַז כ'מוז וויכן פון שיין.

נישט דיר איז צו ליבן דעם פרימאָרגן־שיין,
צו ווייט איז דער שטערן, וואָס קוקסט זיך אין אים איין,
דו וועסט צו אים נישט דערגיין.

טרויער דו מיינער. נאָר דו אַליין
ווילסט אייביק זיך הילן אין מיר.
דו האָסט זיך פאַרלייגט און לאָקסט מיך אַריין,
אייביק לעבן נאָר מיט דיר.

איך פרעג זיך ביי דיר, איך פרעג זיך ביי זיך,
עס שרייט פון מיר יאָמער און פיין.
פינצטער איז דאָך אַ לעבן אָן ליכט.
איך וויל אַ ליכטיקע היים.

אָ! ווי קאַפריזנדיק ביזטו נאַטור.
דו נעמסט מיין געוויסן אויפן פאַרהער!
חוזק פון ערנסטקייט מאַכסטו גאָר.
צו קעמפן מיט דיר איז דאָך אַזוי שווער.

צו מיין קינד

איך בענק נאָך מיין קינד,
פאַרלאָזט פון דער היים,
אַרויסגעגעבן געשווינד...
ווער קען מיך פאַרשטיין ?

אַרויסגעגעבן ווייט, ערגעץ אין דער פרעמד,
אַרויסגעגעבן אַליין, מיט מיינע אייגענע הענט.
געהאַפט אויפן טאָג. אין אויג שווימט אַ טרער.
פאַרמאַטערט, פאַריאָגט, פאַרהאָרעוועט אַזוי שווער.

ביי דער אַרבעט, אין דרויסן אויף דער גאַס, ווען כ׳טו גיין,
זע איך נאָר אַלץ מיין מיידעלעס חן,
וואָס וואָלט איך געגעבן, כ׳זאָל מיט איר קענען זיין ?
צוריק בויען אַ נעסט, צוריק נעמען אַהיים.

און די בענקשאַפט צו איר,
האָט דאָך קיין שיעור,
פאַרקלערט און פאַרטראַכט,
רעד איך צו איר :

אוצרל מיינס,
נשמהלע ריינס!
ווי טייער איז מיר דאָס קולכל דיינס,
טיף אין האַרץ איז מיר אַריין,
דאָס ערשטע מאָל ווען האָסט אָנגעהויבן גיין.

געווען איז עס אַ טאָג, אין אַ זוניקן העלן,
ווען איך האָב דיך געלערנט די ערשטע טריט שטעלן.
און צופרידן האָסטו געטון זיך צוויילן,
כדי אין די אָרעמס מיינע צו פאַלן.

באַוווּנדערט האָב איך שוין דעמלט דיין שכל,
באַצויבערט האָט מיך דיין קינדערשער שמייכל,
אויסגעצויגן צו מיר די הענטעלעך ביידע,
ווען אומגעקערט דעם ווין האָסט פּסח ביים סדר.

אויך יענע לאַנגע ווינטער־נאַכט,
ביי דיין בעטעלע געזעסן,
איבער דיר געוואַכט.
געזונגען האָב איך דיר אַ ליד פון אַ שטערן,
און געבעטן ג־ט פאַר דיר מיט הייסע טרערן.

אומשולדיק פאַרקלעמט אין צוואַנגען געשפּאַן,
דאָס גרעסטע געפיל, וואָס ס׳איז נאָר פאַרהאַן,
דאָס מוטערלעך האַרץ.
וויפל אוצרות לויטערע שטראַלן דערפון?
וויפל ליבע און מאַטער ליגט דערין?

עס יאָגט מיך מיין בענקשאַפט,
שוין דער פרילינג דער דריטער,
פאַרוואָס באַגלייטסטו מיך שטענדיק געוויטער?
ווער קען מיין בענקשאַפט און צער פאַרשטיין?
איך בענק צוריק נאָך מיין קינד און מיין היים.

איך וויין אויף מיינע זינד

איך וויין אויף מיינע זינד,
אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד.
די נויט, די נויט,
ס׳געיעג נאָכן ברויט.
מאַטער און דראַנג
איז מיין טאָג־טעגלעכער גאַנג.

איך וויין אויף מיינע זינד,
אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד,
שווער מיין געמיט,
און אונטער דער לאַסט ס׳וואַקלען מיינע טריט.

כ׳בעט רעטונג ביים אל רחום וחנון
איז קיין הילף פאַר מיר נישט פאַרהאַנען ?

שדי : צו דיר ציען זיך אַלע מיינע פאַרלאַנגען,
פאַר דיר ווי מיט אַ קרבן קום איך מיט אַלע מיינע געזאַנגען
דיך צו אַכפערן, דיר צו דינען,
נאָר דאָס ליגט מיר אין זינען.

גיב כוח מיר צו באַהערשן די בויט,
שענק מיר דיין גנאָד
ס'זאָל נישט די מורא פאַר טויט
מיך דערוויטערן פון דיין ג־לעכן סוד.

כ'האָב דיך פאַרלאָזן ווי ס'פאַרלאָזט אַ מאַמע איר קינד,
אַז ווי איז דער מאַמען, ווי מיר און ווינד,
כ'וויין און כ'קלאָג אויף מיינע זינד.

דערמאָנונג

רויכערנדיקע וואָלקנס, — צעוויכערט די ערד,
דער טייוול צעיושעט מיט ביקס און מיט שווערד.
תליות, „קאַצעטן“, גאַז־קאַמער, פלאַם פון קרעמאַטאָריע
אין גיהנמשע פייערן פירט אויס דער פירער זיין ראַסן־טעאָריע
געברום פון משחיתים שוימט אין בלוט און אין שאַנדע.
ס׳פּאָרען זיך מלאכי חבלה זיי שרייען: „הימל־קאָמאַנדע!“

אַ מוטער אין קראַמפּן דריקט צום האַרצן איר קינד
אַ טויבער שאָס; געביל פון צעוואָיעטע הינט...
אין בלוטיקע כמאַרעס די זון פאַרגייט שטום,
קדושים וטהורים, אַ ווידוי־געברום.
די שקיעה אין פלאַמען, די שכינה אין טרייסטלאָזן געוויין:
ווער עם ישראל אויף אייביק פאַרגיין?

אויגעלעך שטאַרע פאַרגליווערט אין שרעק;
אין וועג דעם לעצטן מען פירט זיי אַוועק.
ס׳האָט זיך פאַרצויגן מיט שוואַרצקייט דער טאָג
אַלע וועגן געשלאָסן, — צום גאַז־קאַמער מ׳יאָגט.
קאַלכאויוון־פלאַקער, מ׳הערט פון שטן אַ שטים;
אין גסיסה געכאָרכל, אַ פאָלק קומט אום.

ס'איז שוין נאָכן שטורעם, די נאַכט פאַרשווינדט;
ס'צערייסט דעם הימל אַ יאָמער: „וווּ ביזטו מיין קינד"?
אין פאַרבלוטיקטע נעפּלען וואָגלט געוויין
געקלאָג פון קראָען אויף חרובער היים,
מ'ווישט זיך די טרערן, מ'האָפט אין געהיים
ס'מוז דאָך דאָס לעבן פון בלוט אויפגיין.

פאַרשעמט גייען אויף זאַנגען פון טויטן־פאַרזיי,
נאָך געטונקען אין פּיינען, אין ווינד און אין ווי.
פון הייזער קרייזלען זיך רויכן, צעאַקערט מיט מי איז די ערד;
ס'איז אונדז צו לעבן און געדענקען באַשערט.
מיר וועלן אין פּיינען האַנט ביי דער האַנט
גיין צום האַפן פון חלום, צום אויסגעטרוימטן לאַנד.

ס'אַמערט אַ פויגל

ס'הויבט אויף אַ רויכיקער געווירבל
דעם ווייס־בלענדיקן שניי
דער דרויסן גליווערט באַטריבט
אין דעם בין־השמשות־פאַרגיי.

עס שרייט אויס אַ פויגל אויף וויסטן, פאַרלאָזענעם פעלד,
און ווערט דערנאָך אין שוויגן פאַרזונקען
און אין סודות פון אַ פאַרכישופטער וועלט.

אַ צוג מיט ירגזון שניידט זיך
אין ווייטע מרחקים אַריין
די רעדער זיי קלאַפּן מיט מאָנאָטאָניע
די לופט ווערט צעריסן פון שיין
דערנאָך ווערט פאַרשטומט יעדע סימפאָניע

איינציק און אַליין געוועלטיקט דער פיין
ס'טויכן אויף באַגערן דערשטיקטע
שטיקער לעבן צעפליקטע
גליווערן אין שימער פון שניי,
מיין האַרץ וואַנדלט אין רוימען, —
טיף איז פון איינזאַמען דער וויי!

דאָס האַרץ פֿון דער מאַמען

איבער דערנער וואָלט איך געגאַנגען;
צעריסן פון אומענדלעכע באַנגען.
כ'וואָלט געטראָטן איבער וויסטע שטעגן.
איבער ווילדע פאַרוואַקסענע וועגן.
געשפּרייזט וואָלט איך אין פלאַם און אין פייער,
צו זוכן דאָס האַרץ, וואָס איז מיר טייער.

אָט וואָלט איך זיך דערהויבן,
איבער וואָלקנס געצויגן.
געאָטעמט מיט מאַטער,
אין בענקשאַפט פלאַטער,
אין אַנגסן געשווומען,
דאָס האַרץ צו געפינען.

אָט וואָלט איך וואָגלען אין אומענדלעכע וויטן,
אָן אָפּרו זוכן דעם וועג,
צו דעם האַרץ צו וועלכן כ'קען נישט דערגרייכן,
נישט אין דער טיף און נישט אין די הייכן,
ווייל עס שווימט ווייטער און ווייטער אַוועק,
און כ'בלייב שטענדיק געפלעפט אויף יענער זייט ברעג.

ווי נאָר כ׳געפין זיך

ווי נאָר כ׳געפין זיך אין מיין לעבנס־וועג,
פאַרהילט אין אומגעשטילטן שמאַרץ,
דו היטסט מיך אין די אַלעיען, ביים ברעג,
דו היטסט מיין אָרעם האַרץ.

און ווען עס רינען אַנגסטן פון מיין שטערן,
דו ווייסט ווי אַזוי כ׳האָב געליטן,
צו העלפן מיין נשמה צוריקקערן,
שיק מיר אַ מלאך אַ גוטן.

מעלאַנכאָליע זי טוט מיך באַגלייטן,
איינזאַם אין פעלד ווען כ׳טו גיין,
דאַכט זיך מיר, דו ווילסט מיינעליידן,
כדי אין אייביקייט גליקלעך כ׳זאָל זיין.

פאַרוואָס האָב איך דיך ליב? און האָב דיך פאַרלאָזן?
דעם ענטפער ווייסט דו נאָר אַליין,
שיק מיר דעם מלאך ער זאָל נישט דערלאָזן,
אין פינצטער איך זאָל אויסגיין.

ווען מיין בליק שטייגט אַהין צו די קברים פון די אָבית,
טו איך זיך פרעגן, ווער בין איך? און וועמענס?
ווער נאָך ווי דו קען מיינע מחשבות?
דו איינער ווייסט דאָך דעם אמת.

געבענטשט איז דער, געבענטשט איז זיין נאָמען,
ווער עס גענענט נאָר צו דיר,
אוי ווי מקנא בין איך דעם פרומען,
ווען דיין שכינה אויף אים רוט.

עס רייסט זיך מיין האַרץ, עס בענקט מיין נשמה,
דו איינער ווייסט עס בלויז,
דו איינער הערסט מיין שטילע כוונה,
נעם מיך פון פינצטער אַרויס.

נאָר דו ביזט מיין ליבלינג, דו ביזט מיין שטרעבן,
מיין נשמה פון פיין טוט זיך בעטן,
זי זאָל אַמאָל אין אייביקן לעבן,
מיט דיין זיסער ליכט זיך זעטן.

פלאַטערט, פענער

איבער אונדז — וואָלקנס פאַרצויגענע,
ס׳בושעווען קעגן אונדז ווילדע מענער.
פלאַטערט וואָס שטאַרקער דערהויבענע,
פלאַטערט, איר ווייס־בלויע פענער.

העכער אין שטורעם זאָל זיך הויבן
די שטאָלצע פאָן פון אונדזער לאַנד.
נישט אַרויספאַלן זאָל זי אין די גיפטיקע שטויבן,
פון מוטיקן קעמפערס האַנט.

דער יידישער זעלנער ער קעמפט אין גלויבן,
ער ראַנגלט זיך פאַר אַ הייליקער זאַך,
באַפרייען וויל ער זיין פאָלק און אים דערהויבן
אַרויספירן אים פון וואָגל און פון שמאַך.

דעריבער איז פול מיט ביטוחן יעדער ייד,
זיין נשמה איז פון האָפענונג באַשטראַלט און באַהעלט,
אין זיין בלוט איז זיין וואָפן געהאַרטעוועט, געשמידט
און ער בענטשט מיט ברכה זיין טרייען העלד.

גערעדנקט איר היינטיקע מכבים, איבער אייך הויערן
וואָלקנס שווערע, וואָס דראָען מיט אויפרייס־קראַך,
מוטיק האַלט וואַך מיט ברוסטן, ווי מויערן,
צו פאַרטיידיקן די הייליקע זאַך!...

איבער אונדז וואָלקנס פאַרצויגענע,
ס'בושעווען קעגן אונדז ווילדע מענער,
ס'וועלן פלאַטערן שטאָלץ די דערהויבענע,
ס'וועלן פלאַטערן אייביק די ווייס־בלויע פענער.

צום געבורטסטאָג

דער באַליבטער קינסטלערין העל ענרי צו אירע 83 יאָר

כ'בין צו אָרעם אין ווערטער אויסצודריקן
דעם כבוד און רום דעם גרויסן,
וואָס דיין נאָמען דורך פלייסיקער אַרבעט,
און ערלעכע וועגן האָט פאַרדינט.

מיט גוטסקייט פאַרהילט איז דיין שמייכל
צו צאַרטיקייט אַליין, — דיין בליק.
מיט פשוטות באַשיידן, דערהויבן,
אין לעבן דערגרייכט האָסטו גליק.

אין דיין אומדערמידלעכער פרוכטבאַרער אַרבעט,
זאָלסטו ווייטער אַן אינהאַלט געפונען,
ווייל וואָס נאָר דורך דיר ווערט געשאַפן,
מיט לעבנספרייד טיף איז פאַרשפינען.

פרילינג-צער

פרילינג, פרילינג, אַ געשפּין פון גאָלדענע שטראַלן,
ס'איז אַ פרייד אַ העלע אַלע באַשעפעניש באַפאַלן
אין רחבותדיקע, צעזונגענע ספּיראַלן
קרייזן שווּעלבעלעך אַרום,
ס'שוועבט אין לופטן אַ מונטערער זשום
די זון וואַרעמט, פּינקלט, שיינט,
פריילעך איז דאָך אַזוי היינט.

דער גערטנער ביי דער אַרבעט שטייט,
ער פלייסט זיך מיט רידל און פאַרזייט
מערן, רעטעך, ציבעלעס און קרויט,
ס'גאָלדיקט פונוויטנס דער צוזאָג פון ברויט.

פול איז די לופט מיט פריידיקן זשום,
אויך דער קראָ אַ מונטערער טאַנצט אַרום,
מיט זעטיקייט ווינקט צו אים דאָס צעאַקערטע פעלד,
אומעטום די שפע גרינט און העלט.

דער סאָלאָוויי לאָזט זיך הערן מיט מתיקות־באַנג
אין זיין פאַרצויבערטן, זילבער־נאַכטישן געזאַנג,
ער לויבט דעם בוראָ אין זיין גאָלדענער סימפאָניע
ער דריקט אויס די ג־טלעכע האַרמאָניע,
ער זינגט אויס צום באַשעפער זיין אייביקן דאַנק.

אויף פעלדער דער טוי לייגט זיך אַזוי פריש און פייכט,
ער פינקלט אין שיינען און אין יעדן געמיט,
ווערט אַזוי העל און לייכט.

נאָר פאַרוואָס אין מיין האַרץ די באַנגען,
זיך וואַרפן ווי גיפטיקע שלאַנגען?
אויף מיין שוועל די וועלטן־פרייד האָט זיך אָפּגעשטעלט
און קען נישט אַריין,
אויף אייביק בין איך געפאַנגען אין נעץ פון פיין.

נישט דער פרילינג, נישט דער זומער,
נישט אין גאָרטן, נישט אין צימער,
אין ערגעץ נישט קען איך וויכן פון טרויער,
ער דרינגט צו מיר אַריין אין דעם שטאַרקסטן מויער.

פון וויטאָק אויסגעמאַטערט
ווי אַ געקוילעטע טויב כ׳פלאַטער
און כ׳בין ווי אַן אָפּגעהאַקטע בלום,
וואָס וויל נאָך וואַקסן און לעבן
און זוכט אַרום זיך אירע צעריסענע געוועבן.

די בענקשאפט

נישט דער העלער, בלויער הימל,
נישט דער שטערן, וואָס ער דרימלט,
נישט די ברייטע אָקעאַנען,
נישט די טיפע ימען,
נישט די ליליעס, נישט די רויזן,
נישט דאָס וואַסער, וואָס טוט ברויזן,
נישט די זילבער־פערל־טויען, —
עס טוט תמיד ראַיען,
אין מיין האַרץ די שפּיז.

נישט דער שיין פון מולד,
נישט די סודות פונעם פרילינג,
נישט דער פינקל פונעם שטערן, —
מיינע אויגן תמיד טרערן.

אַלץ האָט אַזוי געשיינט...
דאָס האַרץ פאַרטרויט זיך אַזוי שטיל,
פאַרוואָס אַזוי פאַרנעפּלט היינט?
אוי, ס׳געדענקט זיך אַזוי פיל.

האַרבסט

דער האַרבסטיקער פייכטער נעפּל
דרינגט אַריין אין מיין האַרצן און לייגט זיך שווער
ווי אויף בלעטער.
אין מיין אויג זילבערט זיך אַ טרער,
אומעטיקער וועטער.

איך הער זיך איין אין האַרבסטיקן ווינט,
אין ריטם פון מעלאָדיעס אָן ווערטער,
און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס ווערט מיר לינד,
ווי ער וואָלט מיר צוגעזאָגט אַ ביסעלע גליק.
נאָר פאַרבאָרגן זענען די ערטער.

טרויעריק עפענען די בלומען אויף זייערע געוועבן
און האָרכן דעם האַרבסטיקן געזאַנג.
און איין בלום דער צווייטער מורמלט דאַנעבן,
צוריקקומען וועט דער פרילינג. צו וואַרטן איז לאַנג.

און דער ווינט די צווייגן טוט וויגן
אין ריטם פון אַקאָרדן רעגנדיקע טראָפּנס.
אין האַרץ מיינעם אַט דער שטילער ניגון
וויגט מיך צום שלאָפן, ער וואַכט צוקאָפּנס.

און עס צעגיסט זיך אַ שמייכל אויף מיין געזיכט
פון לידער, מעלאָדיעס אָן ווערטער,
און מיין האַרץ ציטערט און האָט שרעק
פאַרן ביסעלע גליק, וואָס נעסט.יקט אין די פאַרבאָרגענע ערטער.

נאָכוואָרט פונעם רעדאַקטאָר

רבקה אַקערמאַן, ווי אַ דיכטערין, איז זייער אויסטעריליש. מיר שטויסן זיך דאָ אָן אויף אַ דערשיינונג, צו וועלכער מ׳קען לגמרי נישט צוגיין מיט די געוויינטלעכע ליטעראַרישע מאָסן און השגות.

זי איז עכט און אָריגינעל; די פרומקייט, אַלטגלויביקייט און גאָט־פאַרכטיקייט פון איר נשמה וויל זי פאַרקערפּערן אין ליד. זי דערמאָנט אין די תפילות, אין די פיוטים פון מחזורים, אין די תחינות פון אַזוי פיל נשים צדקניות. אין אירע רייד און השתפכות׳ן לעבט אויף דער גאַנצער נוסח פון עזרת־נשים. אַלע תמימות׳דיקייטן, אַלע דבקות׳ן, אַלע רעליגיעזע ליריש־קייטן פון צעבראָכענע און אומשולדיקע געמיטער פון אונדזערע מוטערס, באָבעס און עלטער־באָבעס. ס׳גייען אונדז נאָך די קלאַנגען פון אַ „גאָט פון אברהם״, צאַרטע און ציטערדיקע לויבן זיי דעם בורא און בעטן ביי אים הילף און טרייסט. קיינמאָל קלאָגן זיי נישט אָן, פּראָטעסטירן נישט, רעוואָלטירן נישט; זיי זענען מצדיק הדין, זיי נעמען אַלץ אָן פאַר גוט, זיי זענען געוועבט פון אומבאַגרענעצטן בטחון און אמונה אין דער אומענדלעכער גוטסקייט פונעם באַשעפער. ס׳דערמאָנט זיך די געשטאַלט פון אַ שרה בת־טובים, ווען מ׳לייענט רבקה אַקערמאַנס לידער. זי שוועבט פאַרביי ווי אַ וויזיע פון אַלטע פאַרגאַנגענע דורות, אין וועלכע די נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע מאָראַלישע אונטערדריקונגען, און קלעמונגען האָבן געזוכט אַן אויסגאַנג ביי די גרעסטע קרבנות פון דער יידישער פאַמיליע: ביי די פרויען, אין קרישטאָל־זויבערע אויף מאַמע־לשון אויסגעדריקטע תחינות. אָן פאַרב און אָן באַפּוצונג, אָן סטיליסטישע דעקאָראַציעס און עפעקטן, נאָר אַזוי ווי ס׳רעדט אַ נויטבאַדערפטיקער און געבראָכענער געמיט צו אַ רעטער און העלפער.

פון אַזאַ דיכטונג פאָדערן מיר נישט די דימענסיעס, אין וועלכע ס׳קומט צו אויסדרוק אַדעקוואַטע, דיכטערישע איבערלעבונג. די אויטענטישקייט

פון דער דערפֿאַרונג איז דאָ אַן אַנדערע. דאָס איז נישט יענע ניואַנסירטע און רייכע געפּילן־וועלט, אָנגערעגט פֿון לייכטע זעפּירן, — אַ טרוימערישע און באַנגפֿולע, פֿאַרזינקענדיקע אין דער זיסקייט פֿון מעלאַנכאָליע, זוכנדיק בילדער, לאַנדשאַפֿטן און מעטאַפֿאָרן, זיך רייסנדיק אויסצוזינגען קאָסמישע באַרירונגען. ניין, דאָ איז די זעאונג אַ פּשוטערע און נישט פּלאַסטישע, — וואָלט איך געזאָגט. זי קניפּט זיך אָן אין דעם אופֿן און סטיל פֿון די פֿאַרגאַנגענע יידישע דורות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין חוש פֿאַר די סובטיליטעטן פֿון פֿאָרם און די סווועריניטעט פֿון פּלאַסטיק.

רבקה אַקערמאַן שטייט לגמרי אָן אַ זייט פֿון דער ליטעראַרישער עוואָלוציע, זי האָט אין ערגעץ נישט געלערנט, ביי קיינעם נישט גענומען, זי נעמט איבער דירעקט די פֿאָלקס־שפּראַך און דעם סטיל פֿון תּפֿילות און תּחינות. אין אָט דעם קוים מאָדערניזירטן „צאינה וראינה"־יידיש פֿאַרמעסט זי זיך צו איבערגעבן גאַר דעם גרויל פֿון אירע איבערלעבונגען אין דעם צייט־אָפּשניט 1940—1944, ווען זי, ווי טויזנטער און מיליאָנען אַנדערע, איז געוואָרפֿן געוואָרן אין גיהנום־קעסל פֿון די נאַציסטישע אויסראָטונגען אין פּוילן. זי האָט איבערגעלעבט בונקער, „פּאַרטיזאַנקע"־וועלדער, די אויסמאָרדונג פֿון אירע עלטערן און נאָענטסטע. ווי אַ געקווילטעטע טויב פֿלאַטערט און בלוטיקט איר וואָרט. דער געזאַנג איז געקומען צו איר אונמיטלבאַר אָן קיין שום פּרעטענזיע, קיין שום ליטעראַרישן אַנשטעל. זי האָט געזוכט אין די ווערטער עפּעס לינדערונג, היילונג, טרייסט, — און זי איז שטענדיק צוריקגעקומען צו דער קאָנצעפּציע פֿון די נאַאיוו־גלויביקע, וועלכע זעען אין די גרעסטע יסורים און פּלאָגן אַ שטראָף פֿון בורא און אַ רוף צו תּשובֿה און לייטערונג. זי לויבט און אַכפּערט גאָט, זי בעט ביי אים דער עיקר גייסטיקע שטאַרקונג, זעלישע איבערווינדונג. דער לייטמאָטיוו, וואָס חזרט זיך איבער אין אירע אַלע לידער דאָס איז דער מאָטיוו פֿון זינד, פֿון אומווערטיקייט פֿונעם מענטש, פֿון הכנעה און פֿולשטענדיקע אונטערגעוואָרפֿנקייט צום האַר פֿון די וועלטן.

ס'איז ממש רירנדיק זיך אָנצוטרעפֿן אינמיטן פֿון די צעיושעטע, דעמאָנישע כּוחות, אין אַנבליק פֿון גרעסטן הפֿקר און ציניזם, אין די אָרגיעס פֿון בלוט און אומקום, — אויף אַן אומצוטרייסלטן, נאַאיוון, עכטן גלויבן. מיר פֿאַרלאַנגען דאָ נישט זיך צו אידענטיפֿיצירן און אָפּגעפֿינען אין דער גאַנצער פֿאַרשיידנאַרטיקייט און פֿילגעשטאַלטיקייט פֿון אונדזערע וועזנס. מיר זענען דאָ מותּר אויף קונסט, אויף פֿאָרם און דיסציפּלינירטע דיכטונג. מיר גייען נאָך די שפּורן פֿון אַן אמתן קרבן, — וואָס קומט צום אויסדרוק דורך דירעקטע, פּשוטע און אומגעקינצלטע מיטלען.

דער „וממעמקים" פֿון ליידן, דער געשריי פֿון יסורים, דער פּיין אָן אַ סוף פֿון איבערלעבונגען איז סימפּליסטיש איבערגעגעבן. דאָ און דאָרט שוואַכלעך, דאָ און דאָרט צו סקעלעטיש און אָרעם ? — יאָ. אָבער מיר זענען

עס אַלץ מוחל. ווייל קודם כל זוכן מיר אין די לידער דעם ווערט פון דאָ־קומענט און אויטענטישקייט, די אומגעפעלשטקייט פון אַ גביית־עדות. מיר ווילן וויסן, ווי אַזוי די בלוטיקע היטלער־צייט האָט זיך אָפּגערופן אין דער נשמה פון אַ יונגער אָרטאָדאָקסישער פרוי. און די אויבנדערמאָנטע אייגנשאַפטן, דערמיט, וואָס זיי זענען ווייט סיי פון קונסט, סיי פון געקינצלטקייט, גיבן אונדז איצט די גאַראַנטיע, אַז אונדזער דורשט צו עכטער דאָקומענטאַציע וועט פולשטענדיק געשטילט ווערן.

ווייל צופיל פאַלשע און שאָקירנדיקע טענער זענען צו אונדז דערגאַנגען פון נישט דערגאַנגענע און פסיידאָ־דיכטערישע פּאָעטן, וועלכע האָבן גערעדט וועגן חורבן אין דער שפּראַך פון אַמביציעס, פּרעטענזיעס, פּאַריסנקייטן. אין אָטדעם גרילצנדיקן כאָר פון ליטעראַרישע קאַריעריסטן איז אָפּפרישנדיק דער באַריר מיט אַ תמימותדיקן ליידנדיקן און גלויבנדיקן גייסט, מיט אַ צאַרטער, וויברירנדיקער פרויען־נשמה.

מ. ח. ליכטשטיין.

אינהאַלט:

זייט

עלנט־איינזאַם 17
צו דער פרייהייט 23
אין ליימיקן גרוב 29
מאַטעלע דער קעמפער 33
צו ג־ט 39
תורה 43
אייביק ווייַנט אין מיר דאָס האַרץ 47
ישראל דו געליטענע מאַמע 49
מיר וועלן נישט פאַרלאָזן 53
דאָס פרעמדע לעבן 55
צו זיך אַהיים 59
צו מאַדאַם על־ענרי 61
צום גרויסן קינסטלער ה. ב. 63
אין אַ שטיבעלע אַליין 65
צום נייעם יאָר 69
אַ לבנה־נאַכט אין פרילינג 71
איך ליב 73
צו מיין קינד 75
איך וויין אויף מיינע זינד 77
דערמאָנונג 79
ס׳יאָמערט אַ פויגל 81
דאָס האַרץ פון דער מאַמען 83
ווי נאָר כ׳געפין זיך 85

זייט

פלאַטערט, פענער 87
צום געבורטסטאָג 89
פרילינג־צער 91
די בענקשאַפט 93
האַרבסט 95
נאָכוואָרט פונעם רעדאַקטאָר 97